בס"ד / שנה ו' / פרשת ויגש / נומער 293

# קרענצל



בנין אין אומאן באקומען באשטעטיגונג

• קהילה נייעס

**צום פינטל**
זיך אננעמען פאר כבוד רבינו

**שפיגל**
פארפוילטע ליצנות

**א ווארט צוויי**
קרישקעלעך פון שבת חנוכה

**היכל הלכה**
הלכות קידוש

# הילולת רבי נתן זכותו יגן עלינו עשרה בטבת

אלע ספרים וואס מיר האבן היינט פון רבי'ן איז
נאר אדאנק רבי נתן (עצתו אמונה תשע"ח)



# אומפארגעסליכן יום טוב חנוכה

**בס"ד**

פרשת
ויגש תשפ"ו

**נומער**
**293**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **05** | שפיגל |
| **06** | פינטל |
| **08** | עידנו |
| **10** | קהילה נייעס |
| **11** | א ווארט צווי |
| **12** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **13** | מעשיות פון תפלה |
| **14** | אלץ און אלעמען |
| **15** | וועלטעלע |
| **18** | געדאנקען |
| **29** | געשעענישן |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, משה ראזענבערג, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, מ. מאנן, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**


צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

**אויף אימעיל:**
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938


כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

# דאס קינד האט פלוצלינג אנגעהויבן צו עסן!

הער א מעשה

מזל טוב א זיסע לעכטיגע בעיבי געבוירן בשעה טובה ומצלחת, אלעס קוקט אויס גוט, שכוח אייבערשטער! אבער פלוצלינג ווערט די שמחה צושטערט, אוי וויי דאס קינד עסט נישט און קומט שוין אט אן צו א מצב סכנה!!! איך ווער נישט פארלוירן איך הייב אויף דעם טרייבל צום גבאי פון רבי מאיר, איך זאג שוין צו א שיינע נדבה פאר די מוסדות אין ארץ הקודש און מיר האבן גראד געפועל'ט א ישועה דאס קינד עסט שוין, שכוח אייבערשטער!



**ווייל ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר.**

ישועות ביי רבי מאיר

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

די ישועות קוואל איז אפן:

**רופט דער גבאי**
**347 466 2410**

*sruliHeskel

# שער בלאט

ראדאקטארישע
אריינפיר
צום בלעטל

**אברהם הערש וועבערמאן**

# זיך האלטן מיטן אמת

שכח אייבערשטער פאר די זכי' וואס מיר האבן אז מיר קענען אהערשטעלן א פרישן בלעטל פאר נאך א וואך. עס שארט זיך נישט ארויס פון די ארבעט נאך א בלעטל, עס ליגט אין דעם אסאך תפילות און אסאך ארבעט. יעדער מיטארבעטער לייגט אריין זיין חלק, און צוזאמען קומט ארויס א ערליכע פראדוקט.

דער עיקר ציל וואס מיר האלטן פאר די אויגן איז אז דער ליינער זאל זיך נאכאמאל דערמאנען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט א פונקטליכע חשבון, ער זאל נישט ווערן דערשראקן און פארלוירן פון קיין שום זאך אין די וועלט. דאס איז וואס דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז ביי יעדן שיעור.

ווי אלע וואס ליינען דורך דעם בלעטל פון דעקל צו דעקל האבן זיכער באמערקט, איז פארגאנגענע וואך אריינגעפאלן א טעות אין אונזער בלעטל, אזוי אויך איז די קלארקייט פונעם "י"ט כסלו" באשרייבונג געווען נישט די קלארסטע, און מיר האלטן פאר וויכטיג ארויסצוברענגען א מורא'דיגע לעקציע וואס די רעדאקציע לערנט זיך דערפון.

דער טעות איז געשען ביים פאפולערן עירנו קאלום, א קאלום וואס ווערט געליינט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און וואו יעדעס ווארט ווערט גענומען ערנסט.

די איין-שורה'דיגע טעות איז אריינגעפאלן נאכדעם וואס מיר האבן אריינגעלייגט אסאך ארבעט אין דעם בלעטל. אין די לעצטע וואכן האבן מיר איבערגעמאכט דעם אויסזען, איבערגעטראכט דעם סדר, און געארבעט אויף א ריבערענד כדי דער בלעטל זאל זיין קלארער, שענער און מער צוגעפאסט צום עולם.

צוזאמען דערמיט געדענקען מיר אבער א פשוט'ע און וויכטיגע זאך: שלימות איז נאר ביים אייבערשטן. א מענטש קען זיך משתדל זיין, איבערקוקן און פארבעסערן, אבער טעותים קענען נאך אלץ פארקומען, און דאס אליין לערנט אונז אז צום סוף דארף מען צוקומען צום אייבערשטן אז אלעס זאל קלאפן.

אין דעם פאל האט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם עירנו קאלום, וואו א שורה איז נישט אויסגעפירט געווארן ווי עס האט געדארפט זיין. עס זענען אריינגעפאלן עטליכע איינגערינגלטע ווערטער פון א בילד וואס האט געדארפט דארט זיין, און איז ארויסגעפאלן צוליב א פשוט'ע מענטשליכע טעות.

דאס קען מען משלב זיין מיט א פסוק די וואך: "ויגש אליו יהודה", רש"י איז מסביר אז יהודה איז צוגעגאנגען צו יוסף מיט א שטארקייט און מיט אמת. ער איז נישט געבליבן שטיין ווייט, און ער האט נישט געווארט אז דער ענין זאל זיך אליין מסדר ווערן. נאר ער איז צוגעגאנגען אפן און האט גענומען אחריות, אן תירוצים און אן איבערגעבן די זאך פאר אנדערע.

רש"י ווייזט אונז אז די גדלות פון יהודה איז געווען נישט אין שלימות, נאר אין דער גרייטקייט צוצוגיין און נעמען אחריות אפילו ווען ס'איז שווער.

דאס איז א לימוד פאר אונז אויך. ווען א טעות פאסירט, איז מען אפן דערמיט, וואס דאס איז אויך ווען מען האט בטעות געזאגט עפעס א נישט ריכטיג ווארט פאר א צווייטן, אין שול אדער אינדערהיים, בעט מען יענעם איבער, נישט מען ווישט עס אוועק, און מען לאזט די ווייטאג וואקסן און זיך מערן, וואס די תוצאות זענען זייער נישט גוט נאכדעם. און אפילו ווען מען איז גערעכט בעט מען יענעם איבער, וואס דאס איז דאך די גרעסטע אמת וואס קען זיין.

דער ריבערענד און אלע טוישונגען וואס שטעלן אהער זענען געמאכט געווארן מיט איין ציל - צו בעסער מאכן דעם ליינערס עקספיריענס. אבער מיט דער הכרה אז שלימות איז נאר ביים אייבערשטן, וועלן מיר זיך בעזרת השם ווייטער משתדל זיין, איבערקוקן מער, און זיך לערנען פון יעדן טעות. און אויב עפעס פאלט יא ארויס, וועלן מיר נישט מורא האבן צו זאגן דאס אפן און צו פאררעכטן.

קומענדיגע וואך איז די יארצייט פון הייליגן רבי נתן זי"ע וואס ביי אים האט מען דאך געזען אז ער איז געגאנגען מיטן אמת ביזן סוף, נישט קוקנדיג וואס מענטשן זאגן, ער האט געהאט אויסצושטיין געפערליכע רדיפות מבית ומבחוץ, אבער ער האט זיך געהאלטן ביים רבי'ן ווייל דארט האט ער געשפירט אז ער ווערט נאנט צום אייבערשטן, במילא האט אים קיינער נישט געקענט אוועקשלעפן פונעם אמת.

*אמת מאורך תבאמח*

# א ווארט צווײ

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

בערל שניצלער

## קרישקעלער וואס אידן האבן ארויסגענומען פון די שיעורים דורכאויס דעם דערהויבענעם שבת חנוכה תשפ"ו אין קרית ברסלב ליבערטי

"אילן מאסק זאגט אז אין אפאר יאר ארום וועלן די מענטשן שוין נישט דארפן ארבעטן, אלעס וועט ווערן געמאכט דורך ראבוטס, ער כאפט נישט אז יעצט ווערט שוין אלעס געפירט דורך ראובאטס, דער אייבערשטער פירט אלעס פון אויבן..."

**- סיפורי מעשיות**

"ביים סעודה האבן מיר ארומגערעדט אז ווען איך האב ארײנגעלייגט מיינע קינדער אין די מוסדות האט מיר יעדער איינער געזאגט: "דו גייסט נישט קענען טון שידוכים מיט דיינע קינדער", און זיי האבן אויסגעקוקט גערעכט, האט מיין זון נחמן נתן מיר געפרעגט: "נו, אויב עס האט אויסגעקוקט ווי זיי זענען גערעכט, דעמאלטס וואס איז געווען די פלאן?"

נאר וואס דען, מ'דארף טון וואס איז ריכטיג..."

**- באטע**

"איינער האט געפרעגט דער ראש ישיבה וויאזוי מען קען מוחל זיין א צווייטן וואס האט מיר זייער ווי געטון?

דער ראש ישיבה'ס אויפשאקלענדע ענטפער איז געווען: "אויב מען טראכט פון 'איך' און 'דיך' קען מען טאקע נישט מוחל זיין, ווייל 'דו' האסט 'מיך' ווי געטון, אבער אויב מ'טראכט נאר פונעם אייבערשטן, אז ער פירט אלעס און אלעס דא איז נאר פאפעטס, פאלט אוועק דעם גאנצן פראבלעם פון מוחל זיין.

**- באטע**

"האסט אוודאי געוויסט פונקטלעך וואס דער ראש ישיבה גייט רעדן דאנערשטאג נאכט קודם פון... און נאכדעם פון... אויב אזוי פארוואס טאקע דארף מען קומען צו שיעורים? צו הערן נאכאמאל "בעט דעם אייבערשטן!"

א מענטש פארגעסט... קומט מען זיך דערמאנען נאכאמאל אז בעטן דעם אייבערשטן איז די איינציגסטע עצה..."

**- באטע**

"קאמפלעקס ווערט אנגערופן ביים רבי'ן אין לשון הקודש 'חכמת המדמה', מען טראכט א גאנצן טאג וואס יענער האלט פון מיך, וויאזוי יענער קוקט מיך אן, דאס איז אלעס חכמות המדמה. און דאס איז אפילו ביי גרויסע ערליכע אידן."

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### דעם רבינ'ס ראש השנה

"מ'רעדט יעצט איבער א שלום צווישן רוסלאנד און אוקריינא, אויב דאס פאסירט און עס ווערט גרינגער צו פארן קיין אומאן, גייט צוקומען נאך איבער הונדערט טויזענט מענטשן וואס גייען פארן אויף ראש השנה קיין אומאן."

**- שיעור דינסטאג מקץ אין ישיבה**

# פיצל.

# זיך אננעמען פאר כבוד רבינו

**ווי** באקאנט, ווען דער רבי איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל האט ער מיטגעברענגט א מתנה - מחלוקת. עס איז געווען מחלוקת און רדיפות, מען האט כסדר גערעדט אויפן רבי'ן און אויף זיינע תלמידים כל דבר אסור. און איר דארפט פארשטיין, נישט אלעמאל און נישט אין אלע פלעצער וואו ברסלב'ע חסידים זענען געווען, זענען געווען מנהיגים. תורת ברסלב איז דאך צוטיילט געווארן איבער די וועלט, א מתנת הכלל, און יעדער איינער האט דערין געפונען זיין חיות - די וועג ווי אזוי ער האט דאס געלערנט און פארשטאנען.

אז מיר האבן א היסטאריע פון פילע קאלירן און זייטן פון מחלוקת וואס ברענט שוין איבער צוויי הונדערט יאר, איז דאך זיכער געווען פארשידענע עפיזאדן פון חסידי ברסלב וואס האבן געוואלט אביסל משתיק זיין די פייער פון מחלוקת.

איז לאמיר זיך אביסל אריינטון אין די היסטאריע פון דעם ענין פון זיך אננעמען פאר כבוד רבינו.

אלס הקדמה וועלן מיר ניצן די מעשה וואס מיר האבן געהערט נישט איינמאל פון אונזער גרויסן רבי'ן מוהרא"ש זי"ע. עס איז געווען אין איינס פון די שטעטלעך וואו עס האבן געוואוינט אויסגעמישט חסידי ברסלב מיט מתנגדים, און עס פעלן דאך נישט קיין מחוצפים בכל דור ודור. שטעלן זיך אויף פוחזים וקלים און זענען מעליבין במלאכי אלקים.

איז דארט געווען איינער, נישט קיין גרויסער חכם, נישט קיין קליינער נאר, און ער האט זיך אנגעהויבן פארמעסטן מיט די שרפי מעלה, דער הייליגער רבי, דער הייליגער רבי נתן, און ער האט אנגעהויבן אויסגיסן זיין קיטון של שופכין אויף די הייליגע צדיקים. דארט איז געווען א ברסלבער חסיד וואס האט גוט געלערנט דעם הייליגן רבינ'ס תורה אין ליקוטי מוהר"ן תורה ו', וואו דער רבי איז מאריך אז עיקר התשובה איז ישמע בזיונו ידום וישתוק. ער האט געהערט און געהערט און ער האט געשוויגן. עס איז געווארן א טומל דארט אין בית המדרש. איינער פון די אנוועזנדע, אויך א חסיד פון דעם מתנגד, האט זיך אנגערופן צום ברסלבער: "ווי אזוי שטייסטו אין א זייט און דו שווייגסט ווען מען פארשעמט דיין רבי? ווען איך וואלט געהערט רעדן אזעלכע דיבורים אויף מיין רבי, וואלט מען שוין געמאכט דעם שרייער פאר א גל של עצמות, און דו שטייסט דא און שווייגסט?"

דער ברסלב'ער חסיד האט ברוב חכמתו אים געגעבן צו הערן. ער האט אים געזאגט אזוי: "דו און דיין רבי' זענען נישט באקאנט אויבן אין הימל, עס איז נישט דא פון זיי גארנישט. איז ווען איינער פארשעמט אים, ווער וועט זיך אננעמען פאר אים? קיינער וועט זיך דאך נישט אננעמען פאר אים. דערפאר מוזטו זיך אננעמען ווען מען פארשעמט דיין רבי'. אבער אונזער הייליגער רבי קען מען זייער גוט אין הימל, דארט וועט מען זיך גוט אננעמען פארן כבוד פונעם צדיק. איז איך קען שטיין אין א זייט און שווייגן, און פון הימל נעמט מען זיך שוין אן פארן רבי'ן."

בכלל ווערט געברענגט אין זייערע ספרים אז מען האט געהאט א סימן ווער עס איז א ברסלבער חסיד. אויב האט מען

נקודות וואס דערגרייכן דאס פינטעלע איד

**הרב אברהם משה שטראססער**

געזען ווי מען רעדט קעגן דעם הייליגן רבי'ן און יענער איז שטיל געבליבן, האט מען געוואוסט: "אהה, דאס איז א ברסלב'ער חסיד." און פארקערט, אויב מען האט געזען ווי עס איז אנטשטאנען א טענה'רײַ, האט מען באלד געוואוסט ער איז נישט קיין ברסלב'ער. די ברסלב'ע שווייגן אפ זייערע בזיונות.

אבער ווי געזאגט, איז דאך ברסלב א זאך וואס איז נחלת הכלל, און מען קען נישט זאגן קיין כללים אויף ווי אזוי מענטשן זאלן זיך אויפפירן.

די גאנצע מחלוקת אויף דעם הייליגן רבי נתן, רדיפות, תפיסות, עד כדי רציחה, האט זיך אנגעהויבן ווען איינער פון אנשי שלומינו האט זיך געוואלט אננעמען פאר רבי נתן. מען האט מכבד געווען א רב צו זיין מוהל און עס האט זיך געגאסן בלוט פונעם קינד. איז צוגעלאפן אן אנ"ש און ער האט איבערגענומען דאס קינד און פארענדיגט די שלאבערישע ארבעט פון דעם רב. דאס האט אויפגעקאכט א מחלוקת. ער איז שוין געגאנגען צו זיין אדמו"ר און אנגערעדט כל דבר אסור אויף רבי נתן.

און דערנאך איז דאך געווען די מעשה פונעם אתרוג וואס מען האט געקויפט פארן חולק וואס עס האט געפעלט דער פיטום. דארט איז געווען אין רבי נתן'ס בית המדרש א לץ, און ווען יענע חסידים זענען פארביי געגאנגען דעם פענסטער פונעם ברסלב'ן קלויז האט ער געשריגן "פיטום האק!" און דאס האט אויפגעקאכט דעם גרימצארן. אוי ווי מען האט געליטן פון זיי דערנאך, יָמים פון צרות און שפיכת דמים.

לעומת זה האבן מיר אבער אין אונזער צייט ברוך השם דער ראש ישיבה וואס ער וויל דווקא יא אז מען זאל זיך אננעמען פאר זיין כבוד און פאר דעם כבוד פון הייליגן רבי'ן, אבער בכלל נישט אויף דעם אנגענומענעם אופן ווי עס איז איינגעפירט געווען אלע יארן

דאס זעלבע איז מיט סנדקאות. קום נישט ווי א שיינער איד מיך אונטערקויפן... "אה, איך בין דער ראש ישיבה'ס א חסיד. געב סנדקאות פאר דיין טאטן, פאר דיין זיידן." סנדקאות איז נישט די פיר מינוט וואס דאס קינד וויינט יעצט על המילה. לאמיר זען,

> ביי אונז איז דא אנדערע מצוה טענץ, סידור קידושין, סנדקאות, ווי עס איז איינגעפירט ביי אנדערע חסידות'ער. ווילסט מיר געבן מצוה טאנץ? לאמיך זען ווי דו רעדסט אינדערהיים.

ביי אזוי-גערופענע חסידים פון שלאגן, שרייען, טשעפענען. דער ראש ישיבה פראקלאמירט: "נעמט אייך אן פאר מיין כבוד, זאגט 18 פרקים משניות, זאגט א יום תהילים." דאס איז די שטערקסטע אננעמען פאר כבוד בית ברסלב, אז אלע שרייען 'מען זאגט און מען זאגט א גאנצן טאג', נו זאל עס שוין מקוים ווערן.

ביי אונז איז דא אנדערע מצוה טענץ, סידור קידושין, סנדקאות, ווי עס איז איינגעפירט ביי אנדערע חסידות'ער. ווילסט מיר געבן מצוה טאנץ? לאמיך זען ווי דו רעדסט אינדערהיים, ווי דו ביסט מכבד דיין ווייב - דאס איז די מצוה טאנץ. וואס איז טאנצן נישט דא פאר צוויי מינוט שאו אף און דו ביסט מיר א חסיד? לאמיך זען צי מיינע דיבורים טאנצן דיר פאר די אויגן ווען דו ביסט מיט דיין כלה.

זאלסט מיר ברענגען דיין קינד, ווערסט מיר אים איבערגעבן איך זאל אים קענען אויסלערנען ווי אזוי צו זיין א שומר הברית, ווי אזוי צו זיין אן ערליכער איד - דאס איז מיין סנדקאות.

יא, יא, דאס איז אונזער חסידות, בקום ועשה, און דאס איז אונזער חסידות בסור מרע. ווען עס קומט צו שלאגן און זיך אננעמען פארן כבוד בית ברסלב, יא, יא, מיר האבן א תורה שלימה דערויף. זיצט זיך א בחור אין א זייט און זאגט חי פרקים משניות, און איינער קומט צו צו אים: "האסט געהערט? טאקע גארנישט געהערט?" דער בחור ווייזט אים אויפן פיסק: "נו... איך בין פארנומען יעצט... איך האב קיין צייט נישט... איך האלט מיך אינמיטן אננעמען פאר דעם כבוד פון מיין ראש ישיבה."

# אַירֶנוּ

## הערכערונג אין געהאלט

עס איז וויכטיג צו נעמען אין אכט אז די מינימום וועידזש אנגעהויבן פון January 1, 2026 גייט ארויף צו ‎$16.

די מינימום וועידזש איז א פעדעראלע געזעץ וואס פארלאנגט פון ארבעטסגעבער צו באצאלן פאר זייער ארבעטער א מינימאלע סומע פאר זייערע ארבעטער, וואס מען מוז באצאלן פאר ארבעטערס פאר די ערשטע 40 שעה וואס זיי ארבעטן, און נאך 40 שעה דארף מען זיי באצאלן איינס און א האלב מאל פונעם מינימום וועידזש.

ביז דעם קומענדיגן יאר למספרם איז די מינימום וועידזש ‎$15.5 דאלער א שעה, און עס גייט ארויף צו 16 דאלער א שעה.

עס איז וויכטיג פאר פירמעס צו האלטן חשבון פונעם טויש אז ווען מען שרייבט וויכטיגע אפיציעלע דאקומענטן זאל מען נישט ארייַנפאלן אין פראבלעמען, אזוי אויך אויף די פוד סטעמפס אפליקעישיאן ווען מען דארף באריכטן וויפיל מען פארדינט, זאל מען האלטן קאפ נישט ארייַנצוגעבן אלטע דאקומענטן וועלכע קומען נישט נאך די נייע מינימום וועידזש.

## טשיילד קעיר

די פראגראם פון טשיילד קעיר איז אפגעשטעלט געווארן לעצטנס צוליב וואס עס איז אריינגעפאלן אין פראבלעמען, וויבאלד די קאסע איז אויסגעלאפן פון געלט. האבן זיי פארמאכט דעם גאנצע פראגראם און געבן נישט ארויס מער קיין געלט.

די הנהלה ארבעט זייער שווער צו צוריק עפענען טשיילד קעיר כאטש אז די וואס באקומען געלט זאלן עס ווייטער באקומען, די פארגאנגענע וואך האט די הנהלה זיך געטראפן מיטן לאקאלן אסעמבלי רעפרעזענטאט פרוי קעי וועגן די טשיילד קעיר פראגראם.

דער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו פרובירט יעדן טאג צו ארבעטן דערויף.

עס ווארט אויף נאך אפאר תפילות פון אונזערע טייערע חברים.

## קהילה אפיס

די קהילה אפיסעס וואס איז ביז יעצט געווען אינעם בנין פון 33 טשערסטנאט, וואס פארפיגן אויפן באזאר, בית המדרש, מצה בעקעריי, ילד שעשועים, קיאסק, פראפערטיס, מקוואות, האבן זיך אריבערגעצויגן צו א נייע ארט וואס איז מנודב געווארן דורכ'ן חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין נ"י אין זיין בנין אויף איסט מאנגאופ.

דער נייער ארט וועט האבן גענוג פלאץ פאר אלע איינגעלעגענהייטן פונעם קהילה, און אזוי אויך בקרוב איז ערוואַרטעט אז די כולל וועט אריבערפירן זייערע אפיסעס אהין.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## תמונות מדברות





**ולערב עירובו: די געטרייע וואלונטירן ביים פארעכטן די עירוב**

## הודעות והערות

### אידיש געלט

עס איז בטעות ארויסגעפאלן א שטיקל פונעם עירובו פאראנגענע וואך, וואס גיבט אונז די געלעגנהייט צו איבער'חזר'ן די מעלדונג פון פאראנגענע וואך בנוגע נישט פארוואסערן געלט וואס מען פארדינט.

דאס איז א מעלדונג וואס איז פארשפרייט געווארן נאך פולע געלטער וואס זענען פארלוירן געווארן פון אידישע קינדער.



**השמר והיזהר** – מיר זענען מעורר געווארן דורך עסקנים אז פאר מ'אינוועסטירט אפגעהארעוועטע געלטער זאל מען זיך דורך רעדן מיט פארשטענדיגע מענטשן און נישט ווערן איבערגענומען פון קיין הבטחות און אדווערטייזמענטס. וד"ל

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה שמעון איידליס הי"ו

וזוגתו חנה תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און זיי זאלן קענען אויפציען דא די קינדער אויף די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן.

# קהילה נייעס



## בנין פון אנשי שלומינו אין אומאן ווערט באשטעטיגט דורך די שטאטראט

עס קומט אריין גאר גרויסע נייעס פון אומאן. דער בנין וואס אנשי שלומינו באנוצן זיך אין אומאן במשך די ימי ראש השנה, בראשות פון דעם ראש ישיבה שליט"א, האט אין די טעג באקומען א סי-אוו-או. א סי-אוו-או מיינט אן אפיציעלע באשטעטיגונג פון דעם שטאטראט אז די בילדינג איז סעיף און איז אויסגעהאלטן לויט אלע קאודס און רעגולאציעס.

די הנהלה האט אריינגעלייגט גאר גרויסע כוחות אין די לעצטע עטליכע יאר, און אין די לעצטע חדשים בפרט, אז דער בנין זאל קענען באקומען די פולע באשטעטיגונג פון דער שטאט. דמים תרתי משמע. בפרט קומט זיך א גרויסע הכרת הטוב פאר מו"ה העניך אינדיג הי"ו, איינער פון די געטרייע חברי ההנהלה, וועלכער איז אראפגעפארן פערזענליך, בטירחא דגופא, מיט צוויי וואכן צוריק קיין אומאן. אנשי שלומינו קענען זיך אביסל פארשטעלן וואס דאס מיינט. עס איז קיינמאל געווען א גרינגע זאך דאס פארן קיין אומאן, אבער בפרט אין די לעצטע עטליכע יאר, זעט מען ווי דער סמ"ך מ"ם טוט אלע פעולות שבעולם צו שטערן אידישע קינדער פון קומען. צוערשט האט אוקריינע גענצליך פארמאכט אירע גרענעצן פאר אידן אין די קאוויד עפאכע, דערנאך האט אויסגעבראכן א קריג, וואס קיינער פארשטייט נישט אויף וואס מען קריגט זיך. רוסלאנד איז היינט צו טאג די גרעסטע לאנד אין טעריטאריע, און דאס קליינע לענדל אוקראינע ווערט איר גארנישט אויסמאכן. אבער די קריג גייט אן מיט'ן פולן קראפט. עס שטארבן טעגליך הונדערטער סאלדאטן פוןביידע זייטן אויף דעם נארישן קריג.

צוליב דעם וואס פארשידענע טעכנישע זאכן האט מען נישט געקענט דורכפירן אויפן טעלעפאן, האט ר' העניך גענומען דעם וואנדער שטעקן אין די סאמע ווינטער חדשים, און האט ווידער מיטגעמאכט די שווערע רייזע, נאכאמאל מיט א באס, מיט א טרעין, ספעציעל כדי ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו זאלן כאטשיג דארטן אין אומאן האבן א געשמאקע, בא'טעמ'טע פלאץ, עס זאל זיין אלעס צוגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין.

יעצט ווען מען שטייט נאך די חנוכה טעג און מען רעדט פון אומאן דארף מען דערמאנען דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אז אמת אז דער רבי האט געבעטן מ'זאל זיין ביי אים דריי מאל א יאר, ראש השנה, חנוכה און שבועות, און מיט דעם וועט מען ווערן ניצול פון עולם התוהו. אבער דער גרויסער תלמיד רבי נתן - וואס אן אים וואלט נישט געבליבן א בלעטל שמות פון הייליגן רבי'ן - האט קלאר געשטעלט אז נאר ראש השנה דארף מען קומען קיין אומאן אויך נאך דער פטירה פון רבי'ן.

עולם התוהו מיינט אויך דא אויף דער וועלט. אין די דריי צייטן לערנט אונז דער רבי אויס וויכטיגע זאכן מיר זאלן לעבן א זיסע לעבן דא בשעת מיר לעבן. חנוכה לערנט דער רבי אויס מען זאל זיך באנייען. שבועות געבט אונז דער רבי אן עצה וויאזוי מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה, אפילו מיין חברותא איז נישטא, מיין קאפ טוט מיר וויי, איך האב חובות, נעם איך א משניות און איך זאג די ווערטער. און ראש השנה געבט אונז דער רבי דעם לימוד פון אמונה. דער רבי געבט אונז אזא קלארע אמונה אז מיר הייבן אן צו רעדן צו אים, אזוי ווי א מענטש רעדט צו א חבר, ער שפירט אז דער אייבערשטער איז דא און הערט אים אויס. אז א מענטש לעבט מיט די דריי עצות ווערט ער גערעטעוועט פון עולם התוהו.

שפיגל

א קוק אויף צוריק
מיט א בליק
אויף פאראויס

שמואל אייכנשטיין

# פארפוילטע ליצנות

אזוי ווי מען דארף דאך אמאל שרייבן פון בעקפייער, האפן מיר מיטן אייבערשטנס הילף יוצא צו זיין מיט די וואך.

איז אזוי, ס'זענען דא לצים און ס'זענען דא לצים.

איינער כאפט?

אקעי נאכאמאל. ס'זענען דא לצים און ס'זענען דא לצים.

אקעי כ'הער שוין אויף.

ס'זענען דא לצים וואס דער יצר הרע שיקט אונטער צו אוועקשלעפן אידן פון היכל הקודש, זיי טוען די נארישע זאך פון גיין און מאכן מיט די קליינע האנט, פאר דער וואס פארשטייט וואס איך מיין. ס'גייט אזוי "האהא ברסלב, דו ווייסט וויפיל שטאק אונזערע פארענטשעס זענען". שוואכע ליצנות.

פאראן בעסערס "דו ווייסט וועלכע מופתים וואלגערן זיך אונטערן טיש ביי אונז, וואס האבן ענק צו פארקויפן? הא? משניות? מע, נישט דאס האבן אונזערע עלטערן געמיינט".

דאס איז אויך ליצנות, אבער נאך ביליאן דרשות און בריוון פון דער ראש ישיבה קומט מיר אויס אז אזעלכע ליצנות קען קומען בלויז פון א קליינקעפיגער. ס'איז ניטאמאל קיין שטיקל ליצנות, סתם משוגע.

יעצט, די פראבלעם פון ליצנות קען מען מסביר זיין מיט די פאלגענדע שטיקל היסטאריע.

די מאכטפוסלטע מיליטערישע און פאליטישע מאכט וואס געדענקט זיך אין מאדערנע היסטאריע איז געווען די רוימישער אימפעריע.

פאר איבער פינף הונדערט יאר, איז זי געווען די צענטער פון ציוויליזאציע, איר טעריטאריע האט דערגרייכט פון ענגלאנד ביז מצרים און אלעס אינדערצווישן, אירע שטארקע מיליטער און מאדערנע וואפן איז געווען אומפארגלייכבאר.

די שטארקע האנדלונג פון רוים איז געווען אזוי שטארק אז מען האט איר דערקלערט אלס די אייביגע אימפעריע.

פארשטייט זיך אז יעדע געלונגענע זאך באקומט נאטורליך שונאים. אסאך גרויסע מיליטערן האבן פרובירט צו איינוואראפן די רוימער.

אנגעהויבן פון אומציוויליזירטע שבטים ביז די וואנדאלן, פראנקן און פערסן און אזוי ווייטער, האבן אלע אנגעהויבן מלחמות מיט רוים, אבער אלע האבן איינגעפאקט איינס נאכן צווייטן נאכדעם וואס די שטארקע פאראייניגטע רוימישע אימפעריע האט זיך נישט געלאזט פון קיינעם.

נו איז ווי אזוי קען זיין אז די רוימישע אימפעריע שטייט שוין נישט היינט? זי איז דאך געווען אזוי שטארק און מאכטפול?

די ענטפער איז אז זי איז אויפגעגעסן געווארן פון אינעווייניג.

די גרויסע רוימישע גענערעלער און פאליטיקאנטן האבן געלאזט פאליטיק איבערנעמען, מאכט, פאליטישע אטענטאטן זענען געווען אזוי שנעל אז מען האט עס נישט געקענט מעלדן, אין פופציג יאר זענען געווען 25 רוימישע קעניגן. ווען רוב דערפון נעמען איבער נאך וואס דער פריערדיגער ווערט ערמארדעט אדער אראפגעזעצט דורך פאליטישע דריידלעך.

קארופציע האט אויך געשפעלט א גרויסע ראלע, אזוי אויך געוויסע סיבות וועלכע האבן געמאכט די ארמיי שוואכער.

אביסעלע שפעטער זענען פארגעקומען גרויסע קריגערייען אינערהאלב די אימפעריע אליינס, ווען געוויסע רוימישע קאמאנדירן האבן אנגעהויבן פירן מלחמה קעגן אנדערע קאמאנדירן, דאס הייסט אז רוים איז געגאנגען אין מלחמה מיט רוים... שטעלט אייך פאר.

איינמאל די רוימישע אימפעריע האט אנגעהויבן צופאלן, זענען עטליכע ארעמע דייטשע פויערן געווען די ערשטע צו באזיגן א רוימישע ארמיי באטאליאן, פון דארט איז די וועג אראפ געגאנגען זייער שנעל און ביז אביסל איז נישט געווען מער קיין רוימישע אימפעריע.

און דאס איז די צווייטע סארט ליצנות ווי אויבנדערמאנט.

די לצים וועלכע ווילן אונטער ברענגען דאס פלאץ פון אינעווייניג.

די סארט ליצנות פון אינדרויסן קען נישט האלטן אויב מען איז שטארק. די ריכטיגע ליצנות איז די וואס דרייען זיך ארום בתוככנו און ווילן צעברעכן אלעס מיט אינעווייניגסטע ליצנות.

למשל "דער ראש ישיבה איז נישט קיין צדיק". הכאכאכאכא. שטא ווער זאל לאכן, איינער האט חלישות הדעת פון אזא סטעיטמענט? נישט קיין ליצנות.

די לצים זענען "דו ווייסט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף דיר?" אוטש. ער איז דער לץ פון וועם איך האב מורא. אדער "דער ראש ישיבה פארשטייט אונז נישט".

דער לץ וואס פארגינט נישט ווען איינער האט א חיים טובים מיט די עצות פון רבי'ן.

דער לץ וואס דרייט זיך ארום טראגן און ברענגען אמת'ע אדער פאלשע מעשיות וואס דער זאגט אויף אים און וואס א צווייטער האט צוריק געזאגט.

זיי ווילן מאכן מיט היכל הקודש דאס וואס איז געשען מיט רוים להבדיל אלף אלפי הבדלות, עס צוברעכן פון אינעווייניג.

פון אינדרויסן קען מען אונז נישט גארנישט טון, ניטאמאל א האר קענען זיי רירן, אלע לצים וואס דרייען זיך אינדרויסן קענען גיין לופטערן אויפן טיטאניק, איך בין באוואפנט מיט דרשות אזש ביז צו דער ציין, אבער די פון אינעווייניג, זיי זענען די פון וועם מען דארף זיך אכטונג געבן.

דער אינעווייניגסטער ער איז דער פון וועם איך היט מיך אסאך אסאך מער.

# הילולת רבי נתן זכרונות לברכה

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה ויחי תשע"ט**

## נושא

***קומענדיגע וואך געפאלט די יארצייט פון הייליגן רבי נתן זכרונו לברכה.***

***לכבוד די יארצייט ברענגן מיר אראפ א בריוו וואס רעדט פון דעם נושא, וואס מיר קענען מיטנעמען פון אזא גרויסע טאג.***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, צוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַיינְט גֶעפַאלְט דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז יֶעדֶעס יָאר בַּיי דִי יָארְצַייט מְעוֹרֵר זַיין אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז ווען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר "שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ" הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי ווֶעלְט זָאגְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז אַ 'כָּל בּוֹ', ווַייל עֶס עֶנְטְהַאלְט חוֹמֶר פוּן אַלֶע עִנְיָנִים - הֲלָכָה, מוּסָר, קַבָּלָה, וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז דֶער 'גַן עֵדֶן' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; ווַייל ווֶער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" ווֶערְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחוּזָק, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער ווֶעלְט קֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הִתְחַזְּקוּת מִיט וואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן ווען אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים מִבֵּית וּמִבַּחוּץ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן דֶעם וואס עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת. עֶס אִיז גֶעווֶען אַ תְּקוּפָה פוּן דְרַייסִיג חֲדָשִׁים וואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵּים גֶעווֶען יֶעדְן חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פוּן דֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם תַּמְצִית אוּן גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּנֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם: "מַיינֶע בְּרִיוְון אוּן סְפָרִים אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; ווַייל ווֶער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר ווֶערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶעריִבֶּער ווַייל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וואס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס ווֶערְטֶער אוּן פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס ווֶערְטֶער. דָאס ווֶעט דִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוְונֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן; דָאס ווֶעט דִיר שְׁלֶעפְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְכוּ' אוּן עֶס ווֶעט דִיר דֶערְמַאנֶען אוּן אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ ווַייל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, וואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "**כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ**", ווֶער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ צְווֵייטְן אִיד ווֶערְט גֶעראַטֶעווֶעט פוּן עֲבֵירוֹת; עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר וואס מֶענְטְשְׁן ווֶערְן פַארְבְּרֶענְט יֶעדֶע רֶגַע, בָּחוּרִים גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן ווֶעג אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי ווִילְן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיס הֶערְן, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט צוּ זֵיי אַ שְׁפְּרַאךְ, דִי ווֶערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק. דֶערְפַאר מִיט דֶעם וואס מֶען גֵייט הַפָּצָה אוּן מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען רַאטֶעווֶען דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעווֶען אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן אַ "בֵּית הַדְּפוּס" אִין יְשִׁיבָה וואוּ מֶען דְרוּקְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אַ גַאנְצְן טָאג אָן אַ אוֹיפְהֶער; ווען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין "בֵּית הַדְּפוּס" הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רֶבִּי נָתָן ווָאלְט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעווֶען מִיט אַזַא 'בֵּית הַדְּפוּס'"; אוּן יֶעדֶעס מָאל ווען עֶס אִיז גֶעווֶען אַ שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה וְכַדּוֹמֶה וואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְטֵייל גֶענוּמֶען הָאט עֶר נָאר גֶעווָאלְט זֶען דֶעם "בֵּית הַדְּפוּס"; דָאס אִיז גֶעווֶען מוֹהֲרָא"שְׁ'ס גַאנְצֶע חַיּוּת: דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פַאר אַלֶעמֶען!

אִיךְ ווַייל אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וואס זֵייעֶר גַאנְצֶע ווֶעזְן זָאל זַיין אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד? וואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין שָׁכֵן זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת? וואס קֶען אִיךְ טוּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען?' יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ווען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַיין טָאג מִיט דֶעם מַחְשָׁבָה: '**וואס קֶען אִיךְ הַיינְט' טוּן פַאר אַ צְווֵייטְן אִיד?**' טְרָאג שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר סְפָרִים, סִידִּי'ס, קַארְטְלֶעךְ, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וְכַדּוֹמֶה אַז ווען דוּ טְרֶעפְסְט אַ צְווֵייטְן אִיד זָאלְסְטוּ אִים קֶענֶען מְחַיֶּה זַיין.

הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים, ווַייל הַיינְט זֶעט שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער וואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף - אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הַצָּלָה פַארְן דוֹר אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ מִיט סְמַארְט-פָאוּנְס אוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת בִּיז זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת בְּפוֹעַל, אוּן אַלֶע חֲכָמִים שְׁטֵייעֶן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט אוֹבְדֵי עֵצוֹת, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וואס צוּ טוּן, אוּן נָאר דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר דִי עֵצוֹת וואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן קֶען רַאטֶעווֶען דֶעם דוֹר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.**



# מעשיות פון תפילה

**בנציון יאקאבאוויטש** קרית ברסלב

מ'האט מיר אנגעטראגן צו קויפן א הויז אין שטעטל. ווער עס האט שוין געקויפט א הויז ווייסט וואס עס גייט אלץ אריין דערין, זאכן דארפן קלאפן מיט געלט, מיט פאפירן און אזוי ווייטער. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל פארן געשמאק און באקוועם.

שכח אייבערשטער אז איך פארצייל שוין די מעשה פון תפילה דא אין מיין נייע דירה. ברוך השם אלעס האט זיך אזוי שיין געשטעלט אין פלאץ.

ווען עס איז געקומען זיך אריבערצוציען צום נייעם דירה, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט קאסטן קיין סאך געלט, און עס זאל פארן געשמירט.

למעשה אינמיטן זיך דארפן אריבערציען צום דירה איז מען געוואר געווארן אז מיין ווייב האט פראבלעמען מיט גאל שטיינער. מ'האט געדארפט זיך אפגעבן דערמיט וואס דאס איז יעצט די וויכטיגסטע, און אזוי אין די זייטיגע צייטן האב איך געדארפט זיך אפגעבן מיטן מופן.

איך האב ארויסגעדינגען א טראק כדי צו קענען מופן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אנקומען צו אריינלייגן מיינע האב און גוטס אינעם טראק. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דא דארט זענען מיר מענטשן געקומען העלפן. אזוי אז דעם קומענדיגן טאג האב איך מיט גרויסע ניסים געקענט צוריקגעבן דעם טראק א האלבע שעה פאר עס הייבט זיך אן רעכענען פאר א פרישן טאג.

אינמיטן האט מען פארשטייט זיך ווייטער געדארפט זיך אפגעבן מיט מיין ווייב וואס האט געדארפט אדורכגיין א אפעראציע. און ברוך השם נאך אסאך תפילה, און אזוי אויך נאכן מזכיר זיין ביים ראש ישיבה, איז די אפעראציע אדורך בשלום, און נאך דריי טעג האט מען זיך שוין געקענט ארויסזען פון שפיטאל, און זי האט געקענט קומען צו די כוחות נאך אפאר טעג.

**זאב סרולאוויטש** קרית ברסלב

איך בין געגאנגען צום דענטיסט, געוועגליך טוט דאס וויי בשעת מ'מאכט די ארבעט און אזוי אויך נאכדעם. אבער מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט וויי טון פון אנהייב ביזן סוף.

שכח אייבערשטער אז די גאנצע ארבעט איז אדורך גאר פיין אן קיין ווייטאג.

שכח הייליגער באשעפער.

**יואליש קרויס** ביתר

איך בין געגאנגען אין גראסערי קויפן וואס מען דארף, איך האב געהאט א ליסטע וואס איך דארף קויפן, אין מיין טאש האב איך געהאט 50 שקל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען קויפן אלעס פונעם ליסטע מיט די פאר דאלער וואס איך האב, איך זאל נישט דארפן עפעס צוריקלייגן ווייל איך האב נישט די געלט דערפאר.

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז אויף אפאר אייטעמס איז געווען א סעיל, אזוי אז עס איז אויסגעקומען אינטער 50 שקל, און מ'האט ברוך השם אלעס געקענט קויפן און אהיימברענגען אין שטוב.

שכח אייבערשטער.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און ענטפערס איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## פלאמען און מעטשעס

שאלה

וויאזוי ארבעט די שווארצע זייט פון א מעטשבאקס? וויאזוי צינדט זיך אן א פייער ווען מען רייבט דערויף א מעטש (שוועבל)? קען מען מיט רייבן די פינגער דערויף אויך אנצינדן א פייער?

יואלי מארקוס

## ענטפער

כמעט יעדער האט שוין אנגעצונדן א מעטש גאר אסאך מאל, אבער זייער ווייניג שטעלן זיך אפ צו טראכטן 'וויאזוי טאקע צינדט זיך אן דער פלאם?' די ענטפער איז גאר אינטערעסאנט.

וואס איז די שווארצע טייל פון א מעטשבאקס?

די שווארצע שטרייף אויף די זייט פון א מעטשבאקס איז נישט דארט צופעליג אדער פאר שיינקייט. עס איז ספעציפיש אזוי געמאכט געווארן. עס אנטהאלט געווענליך רויטע פאספארוס, צעמאלענע גלאז אדער זאמד (אז עס זאל זיין רייבעדיג). עס איז בכיוון געמאכט אז עס זאל זיך שפירן "שטיינערדיג" (באמפעדיג) און געמאכט פון מאטריאל וואס איז כעמיש אקטיוו אונטער די ריכטיגע אומשטענדן.

וואס געפינט זיך אינעם מעטש (שוועבל) קעפל?

די שפיץ פון א מעטש אנטהאלט געווענליך פאטעסיום קלארייד (אן אקסידייזער), שוועבל אדער אנטימאני סולפייד (ברענשטאף). דער מעטש קען נישט אליינס אנהייבן א פייער. עס דארף די רייבעדיגע שווארצע שטרייף פונעם מעטשבאקס כדי עס זאל קענען פאסירן.

וויאזוי צינדט זיך אן א פייער? ווען מען רייבט דעם מעטש אויף דעם באקס, איז דא א שטארקע פריקשאן (עס איז פארקערט פון גליטשיג) וואס דאס מאכט א שטארקע היץ. די היץ פארוואנדלט א ביסל פון רויטע פאספארוס אויפן באקס עס זאל ווערן ווייסע פאספארוס. ווייסע פאספארוס האט דער אייבערשטער געמאכט אז עס זאל זיך זייער גרינג אנצינדן, עס דארף נישט ווערן צו הייס. דער קליינער פינק צינדט אן די כעמיקאלן פונעם מעטש, און עס פלאמט אויף.

ווען עס קומט צו עבודת השם דארף מען אויך אזוי טון. מען קען נישט אנצינדן א ריזיגע פייער אויף איינמאל, עס וועט זיין אן אומקאנטראלירטע פייער, וואס מאכט חרוב און פארברענט אלעס. אפילו ווען עס קומט צו עבודת ה' קען מען נישט שפרינגען צו ווייט, העכער ווי די כוחות. דער רבי רופט עס ריבוי אור, און דאס פארברענט אלעס.

וואס איז די ריכטיגע וועג? נישט ברענען בכלל? דאס איז זיכער נישט גוט. איך וויל דאך ברענען צום אייבערשטן, איך וויל אים דינען. די ריכטיגע וועג איז, צו צינדן א קליין פלעמעלע מיט אויל, עס זאל זיין א סטעדי פייער, וואס זאל ברענען שיין און לאנג. וואס איז די קליינע פייער? יעדן טאג אביסעלע משניות, אביסעלע גמרא, אביסעלע רעדן צום אייבערשטן, אביסעלע זיין פרייליך, אביסעלע רעדן שיין צו די ווייב.

**האט איר א שאלה?**
שיקט צו: askgershon@gmail.com

גרשון קרעמער



# באציאונגען צווישן אמעריקע און ווענעזועלע ווערן אנגעצויגן

די שפאנונג צווישן די פאראייניגטע שטאטן און ווענעזועלע האט זיך שטארק פארערגערט אין די לעצטע חדשים. אמעריקע האט א שטארקע אנוועזנהייט פון נעווי שיפן אינעם ראיאן, זיי האבן שוין באמבאדירט פילע ווענעזועלע קליינע שיפלעך מיט'ן טענה אז זיי פירן דראגס, אזוי אויך האט אמעריקע קאנפיסיקירט א שיף מיט אויל פון ווענעזועלע אין די לעצטע טעג, און גלייכצייטיג האט אמעריקע שטארק פארשטארקט די סאנקציעס קעגן ווענעזועלע. אין אנדערע ווערטער איז די לאנג-יעריגע דיפלאמאטישע רייבערייען פארוואנדלט געווארן אין א שארפע קאנפראנטאציע.

אויבערפלעכליך איז די מלחמה איבער אויל, דראגס, און ראיאנאלע זיכערהייט. וואשינגטאן ווייזט אן אויף די פארפלייצונג פון דראגס וואס קומען פון ווענעזועלע, אין דער צייט וואס קאראקאס באקלאגט זיך אויף פארלעצונגען פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט און אומ'יושר'דיגע סאנקציעס.

עס איז די גרעסטע שמחה פאר די מידיע ווען עס הייבט זיך אן א מלחמה. דאס איז זייער ביזנעס און פון דעם לעבן זיי. אנדערייען שרעק, צומישעניש, און דאס - האפן זיי - וועט ברענגען פרישע קונים פאר זייערע באריכטן. מיר זענען אויך אין די מידיע וועלט. און מיר זענען אויך פרייליך צו דערקלערן קריג. אבער אונזער קריג איז פארקערט, אונזער קריג איז קעגן די שרעק און צעמישעניש. מיר דערקלערן קריג קעגן דראגס, קעגן נארקאטיקס.

דער סמ"ך מ"ם פרובירט אויף אלע וועגן אונז צו הרג'ענען. ער דארף נישט דיין בעקיטשע, ער דארף דיך. ער דארף נישט די עבירה, ער וויל דו זאלסט אויפגעבן. ער פרובירט דיר אונטערצושיקן אומלעגאלע דראגס מעסעדזשעס אז דו ביסט שוין דערנאך, איך האב שוין אפגע'הרג'עט מיין לעבן. איך האב שוין נישט קיין וועג צוריק. אבער מיר טוען גענצליך אפווארפן די באהויפטונגען.

תשובה איז נישט קיין בער. תשובה איז נישט א מדריגה וואס נאר גרויסע צדיקים קענען צוקומען דערצו. עס איז אזוי ווי ווען איינער זאגט אז עסן מצה איז אזוי גרויס, נאר גרויסע צדיקים קענען צוקומען דערצו. ניין, יעדער קען צוריק קומען צום אייבערשטן. דו דארפסט סך הכל עפענען דיין מויל און זאגן "באשעפער, זיי מיר מוחל, איך וויל נישט, עס איז נישט מיך, איך וויל נאר דיר, העלף מיר, איך קען נישט אליינס." און דער אייבערשטער נעמט דיר תיכף צוריק.

אנאליסטן זאגן אז בעיקר שטערט פאר טראמפ אז ווענעזועלע - א שכן אינעם בעק יארד - איז זייער נאנט מיט אמעריקע'ס שונאים ווי רוסלאנד, איראן, און קובא, אויף וואס ווענעזועלע זאגט אז זי דארף האבן זייער חברותא זיך צו באשיצן פון אמעריקע'ס אגרעסיע.

מיר וועלן פון אונזער זייט ווייטער זיין שטארק מיט אמונה, און וויסן אז אלעס פירט דער אייבערשטער. טראמפ איז נישט קיין "וועלט פירער" און אמעריקע איז נישט די "שטערקסטע" אויף דער וועלט. דער אייבערשטער פירט אזוי שיין זיין וועלטל, און מיר זענען דא בלויז אים צו דינען און זיך אראפלערנען שיינע זאכן פון אלע פאסירונגען.



# פּשרהלאָז

*אין קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, אבער מאכט זיין וועג צוריק מיט זיין ווייב און טאכטער. זיין בחור יעקב יוסף בלייט איבער אליין.*

*נאך א שטיק צייט האט זיך יעקב יוסף מסדר געווען מיט פרנסה, און צוריקגערופן זיינע עלטערן צו צוריק קומען קיין אמעריקע.*

*און יעצט לייענט ווייטער.*

דערווייל איז יעקב יוסף געקומען אין די יארן פון א שידוך.

יעקב יוסף האט געהאט א מאדנע פארלאנג פון די שדכנים. ווען מען האט אים אנגעטראגן א שידוך וואס ער האט געטראכט אז דאס קען זיין פאסיג, האט ער געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיט די משפחה "פרייטאג צונאכטס, ביי זיי אין שטוב."

די סיבה פון די מאדנע בקשה איז געווען אז יעקב יוסף האט געוואוסט אז דוקא שבת וועט ער קענען זען אויב די שטוב איז טאקע ערליך, ווייל אין יענע יארן איז שמירת שבת געווען פון די גרעסטע נסיונות אין אמעריקע.

אזוי האט ער טאקע געטון און צומאל פלעגט ער שפאצירן אין די קאלטע ווינטער נעכט לאנגע שטרעקעס, כדי צו דערשמעקן אויב דאס איז אן ערליכע הויז.

רוב שידוכים זענען אזוי אראפ פון טיש. איינמאל איז ער געווען ביי א משפחה פרייטאג צונאכטס און די פרוי האט אים געוואלט מכבד זיין מיט א גלעזל הייסע טיי. זי האט זיך אויפגעשטעלט, און פשוט ארויפגעשטעלט א טשייניק וואסער אויפן פייער צו קאכן.

יעקב יוסף האט זיך געגעבן א שטעל אויף און זיי געזאגט, "ווייזט אויס אז די שדכן האט געמאכט א טעות אין די אדרעס. א גוט שבת." און ער האט ארויסשפאצירט.

איינמאל האט זיך געמאכט אז יעקב יוסף איז געגאנגען זיך טרעפן מיט א משפחה גראדע אינמיטן וואך, צוליב דעם וואס זיי האבן נישט געוואוינט אין זיין געגנט. זייענדיג דארט האט איינער אריינגעקלאפט נאך צדקה. א קינד איז צוגעגאנגען און געגעבן א סכום. די מאמע האט געזען וויפיל דאס קינד האט געגעבן און געפרעגט מיט אויפברויז, "אזויפיל האסטו געגעבן?!"

יעקב יוסף האט אויך די שידוך אפגעזאגט. א שטוב וואס בייזערט זיך ווען מען געבט אויס געלט פאר צדקה איז נישט א שטוב פון וואו ער וויל נעמען א לעבנסבאגלייטער פאר א הויז וואס לעבט מיטן אייבערשטן.

צוביסלעך האבן די שדכנים זיך מייאש געווען. זיי האבן געזען אז מען קען דעם בחור נישט צופרידנשטעלן און זיי זענען געגאנגען זוכן גליקן ערגעץ אנדערש.

איין שדכן האט אבער נישט אויפגעגעבן. איין טאג קומט ער צו יעקב יוסף און מיט אן אומזיכערע קול זאגט ער אים, "איך האב א שידוך פאר אייך. די מיידל איז באמת א ירא שמים, זי קומט פון אן ערליכע, הייליגע שטוב. דארט אטעמט מען תורה ווי אין די אלטע היים, אבער... עס האט א שטארקע אבער, זיי זענען ארים ווי די נאכט."

יעקב יוסף האט נישט אוועקגעמאכט




דעם שדכן. אדרבה. ער האט נישט געדארפט געלט. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף די משפחה נאמען און אפגעשמועסט אז ער וועט אהינגיין פרייטאג צונאכטס.

א הערליך אויטענטישע שבת טיש האט אפגעווארט יעקב יוסף ביי משפחת אנדראן. א שיינע, ווייסע טושטיך איז געווען אויסגעלייגט. דער טאטע איז געזעסן אויבן אן און גערעדט דברי אמונה און דברי תורה מיט די קינדער. די מאמע איז געגאנגען מיט א שייטל, וואס דאס איז אין יענע יארן געווען א סימן אויף אן ערליכע פרוי, ווייל לײדער זענען רוב פרויען געגאנגען מיט די אייגענע האר. די גאנצע אטמאספער האט געשמעקט ערליך און הייליג. אויך די מיידל 'איידל' איז געווען שמו כן הוא, איידל און ערליך. יעקב יוסף האט זיך געשפירט אינדערהיים. ער האט געוואוסט אז ער האט געטראפן זיין זיווג.

הרב אנדראן איז געווען די איינציגסטע פון אלע וואס מען האט אנגעטראגן פאר יעקב יוסף וועלכע האבן זיך בכלל נישט אינטערעסירט אין יעקב יוסף'ס פינאנציעלע מצב. אים האט נאר אינטערעסירט אויב דער בחור איז א ירא שמים און אן ערליכער.

יעקב יוסף איז ארויסגעקומען פון דארט פרייליך און דאנקבאר צום אייבערשטן. מיט איין שמחה איז ער צוריק אהיימגעקומען און דערציילט די מאמע'ן מיט גרויס עקסטאז.

זיין מאמע איז אבער בכלל נישט אנציקט געווארן. "אן ארימע מיידל? פארוואס?! מיין יעקב יוסף איז דאך א טשאטשקע. עס קומט אים פיל בעסער. ער וועט נישט נעמען א מיידל אן געלט."

די מאמע האט זיך געשטעלט און אים געמאלדן אז די שידוך איז אויס. א מיידל אן געלט קומט נישט אין באטראכט.

יעקב יוסף איז געווארן זייער צובראכן דערפון און פאר א ווײלע איז די שידוך געווארן אויס.

איין טאג שפאצירט יעקב יוסף אין גאס און ער טרעפט פלוצלינג אן ר' יעקב לייב, א ברודער פונעם מיידל וואס מען האט אנגעטראגן.

ר' יעקב לייב איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין און אים אויפריכטיג געפרעגט, "פארוואס האסטו אפגעזאגט די שידוך? מיר זענען געווען אזוי זיכער אז דאס איז אזוי פאסיג. דאס איז די מיידל און די שטוב וואס דו ווילסט. נישט אזוי?"

יעקב יוסף האט זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ, ווי שטארק ער וויל שוין אויפשטעלן א שטוב און ווי גליקליך ער איז געווען צו טרעפן א כשר'ע, ערליכע הויז, אבער דא האט זיך געמאכט אזא שטרויכלונג אז זיין מאמע איז נישט מסכים צום שידוך צוליב די מאנגל אין געלט.

ר' יעקב לייב האט זיך פארטראכט און דאן האט אים אויפגעבליצט א געדאנק.

"זאג נאר יעקב יוסף, דו האסט אפשר צוויי טויזנט דאלער אין באנק?"

"איך האב פיל מער." האט יעקב יוסף געזאגט.

"געוואלדיג. הער מיין פלאן."

ר' יעקב לייב האט אים דאן אנגעטראגן אז ער זאל ארויסנעמען צוויי טויזנט דאלער פון באנק און עס געבן פאר ר' יעקב לייב. דערנאך וועט דער שדכן גיין זאגן אז די אנדראן'ס זענען געקומען מיטן פארשלאג אז זיי געבן צוויי טויזנט דאלער נדן (צוויי טויזנט דאלער איז אין יענע יארן געווען גאר אסאך געלט. מאכט די חשבון. אויב מען האט פארדינט $1.25 א וואך, וואס דאס מיינט זעכציג דאלער א יאר, איז צוויי טויזנט דאלער געווען גאר אסאך) אזוי וועט די מאמע מסכים זיין. און ביים לחיים וועט ר' יעקב לייב אויפטרעטן מיט א דרשה און דאן פארמאל איבערגעבן פאר'ן חתן די שיינע נדן.

יעקב יוסף האט זיך צוגעכאפט און זיי זענען גלייך פון דארט געגאנגען צום באנק און ארויסגענומען די געלט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*




קוקט ארויס אויפן

*sruliHeskel







'קרן הבנין בית התבשיל' בראשור

# געדאנקען

# א זומער הויז אין אלעסקע

מיר װעלן בעזר השם אנטון אונזער "פיינענשל עדווייזער" היטל.

מיר װעלן פרובירן אייך גרינגער צו מאכן אייער פינאנציעלע לאגע אויפ'ן טעארעטישן לעוועל, און פרובירן זען ווי מען קען דאס איינקעשן אויף בפועל ממש למטה מעשרה טפחים.

מיר װעלן פרובירן באהאנדלען דריי פינאנציעלע ווירקליכקייטן. א. דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט אין סיפורי מעשיות, מעשה י"ב אז געלט איז א נארישקייט. ב. דאס וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ס"ד שכל הנגידים הגדולים כמעט כולם הם משוגעים ממש. ג. דאס וואס א אינגערמאן האט א פליכט צו אהיימברענגען פרנסה פאר די ווייב און קינדער.

דער רבי זאגט דאך אז מען מעג זאגן פשטים אין זיינע ווערטער ווילאנג מען גייט נישט אוועק פון הלכה, ווילאנג מען גייט נישט אוועק פון שולחן ערוך.

קומט א אינגערמאן און פרעגט א שאלה, אז מיין לעבן קאסט מיך א פופציג אלפים א יאר, אדער הונדערט אלפים, אדער אפשר צוויי הונדערט אלפים, בין איך פון די נגידים הגדולים וואס זענען נעבעך נישט מיט אלעמען?

און אז ראובן קומט צו מיר אז ער זוכט אן אינוועסטמענט פראפערטי, און שמעון קומט צו מיר מיט א פראפערטי צו פארקויפן, און איך מאך א מעלוינע קאמישן, האב איך געטון א פעלער?

ביי וויפל דאלער הייבט זיך אן אז איך הייס א געלט-גייציגער?

לאמיר גיין אביסל צו די זאך פון סטעיקס און בריסקעט. לאמיר רעדן פון די זאך פון תאות אכילה און פרובירן זען וואס מען קען נעמען פון דעם, וואס איז יא אדער נישט תאוות ממון.

מוהרא"ש שרייבט אין שאלות ותשובות ברסלב (ד' תצוה, ו' אדער א' תשע"ב) די עיקר זאך פון צוברעכן תאות אכילה איז צו עסן מיט דרך ארץ, שטייטעלעך, אזוי ווי א חשוב'ער מענטש וואלט דא געווען און געקוקט ווי ער עסט. נישט עסן כאפעדיג, נישט עסן שנעל ווי א גרגרן. אפילו ווען מען איז אליין דארף מען עסן אזוי ווי עס וואלט דא געווען א אדם חשוב.

מוהרא"ש שרייבט אויך פאר איינעם (ה' יתרו, ט"ז שבט, תשע"ב) זיי דיך נישט מבלבל מיט די זאך פון צוברעכן תאות אכילה, אז מען איז הונגעריג עסט מען, נאר מען דארף מאכן א ברכה און עסן מיט דרך ארץ, נישט ווי א רעבתן.

וויפל געלט ווילסטו? וויפל קאסט דיר דיין לעבן, צוויי מאות א יאר? מיט נאך א מאה אויף חתונה מאכן קינדער?

דריי מאות א יאר?

(איך רעד נישט יעצט אין ברסלב וואו די הוצאות החתונה איז ממש א וויץ)

געגאנגען! זאל זיין דריי מאות!

יעצט קום מיט מיר אין קארנער, לאמיר רעדן שטיל, קיינער זאל נישט הערן, קוק מיר אין די אויגן אריין, אז מען גיבט דיר דריי מאות ביסטו פרייליך?! עס וועט דיך נישט קראצן אז גרונם האט צען מעלוינעס?!

דו גייסט נישט וועלן מער ווי דריי מאות א יאר?! דו גייסט זיין צופרידן?!

וואס האקסטו א קאפ אז דו פארשטייסט נישט וואס דער רבי זאגט אז געלט איז א נארישקייט?!

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

וואס דרייסטו א שמיטשיק אז דו ווייסט נישט פשט אין די ברסלב'ע ווערטער אז געלט איז א דמיון?!

די פראבלעם איז נישט אז מען פארדינט דריי מאות א יאר, מעגסט פארדינען סאך מער! די פראבלעם איז לעבן פאר יענעם. די פראבלעם איז רעדן פון געלט אזוי ווי מען רעדט פון א אפגאט. די פראבלעם איז אז מען טראכט ווען איך וואלט געהאט מער געלט, וואלט די געלט געהאלפן שנעלער טרעפן א שידוך פאר מיין זון, השם ישמרינו פון אזא אפיקורסות.

דריי מאות א יאר איז נישט קיין מח מחלה, לעבן פאר יענעם איז א מח מחלה

די מין זאך אז "געב מיר א מיליאן דאלער היינט, שוין, דעי סקונדע" דאס איז נעבעך א מח מחלה.

תאוות ממון האט ענליכקייטן צו תאות אכילה.

עס צו די זעט! זאל דיר וואויל באקומען!

מאך א ברכה, און עס נישט כאפעדיג.

וויפל ווילסטו עסן? דריי בייגלעך? פיר? זעקס?

אבער איין זאך בעט איך דיך. וויל נישט עסן די זעקסטע בייגל פאר די ערשטע.

מיט א רואיגקייט.

פאר דו עסט דעם זעקסטן בייגל מוזטו עסן דעם ערשטן.

און די ערשטע בייגל אליין קענסטו דאך נישט אריינעמען דעם גאנצן בייגל אין מויל, דו ווילסט דאך נישט אז דיינע בעקעלעך זאלן כאפן חלילה א ריס אויףביידע זייטן פון דיין פנים, אז מען זאל דארפן באנדאזשירן און מאכן סטיטשעס חס ושלום.

דו מוזט דאך בעל כרחו דעם בייגל צוטיילן אין חלקים.

דו קענסט דאך נישט עסן דעם לעצטן שטיקל בייגל פאר דעם ערשטן.

איז, וואס איז דער געלויף? וואס איז די יאגעניש? וואס איז די כאפעריי? וואס איז די שטופעריי? וואס איז די שטאפעריי? צו וואס פרובירסטו צו פארמאכן די קנה מיט די ושט דורך אריינשיבן א גאנצן טרוקענעם בייגל!

עס געזונטערהייט! נו, עס! וואס קוקסטו מיך אן מיט א אנגעשטאפטע פאראליזירטע מויל וואס קען זיך נישט רירן א קיי צו טאן?

דו ווילסט דאך עסן! ניין? נו, עס? צו וואס מוזטו זיך מאכן מאגן-ווייטאג יעדע מאל דו עסט? דו ווילסט עסן? אדער דו ווילסט מאגן ווייטאג?!

אזוי אויך מיט געלט.

מאך געלט צו דער זעט! זאל דיר וואויל באקומען!

מאך א ברכה! דאנק דעם אייבערשטן! שכח אייבערשטער פאר די געלט וואס דו שיקסט מיר!

פארדין נישט כאפעדיג! פאל נישט פאר די שנעלע נארישע כאפעדיגע ריסקי געלט, פאל נישט פאר די וואקלדיגע שאקלדיגע פארנעפלטע צו-שנעלע דיעלס.

וויפל ווילסטו פארדינען? דריי מאות א יאר? געזונטערהייט! אפילו מער!

אבער איין זאך בעט איך דיר, וויל נישט די דריטע מאה פאר דו האסט די ערשטע מאה.

יעצט קום מיט מיר אין קארנער, לאמיר רעדן שטיל, קיינער זאל נישט הערן, קוק מיר אין די אויגן אריין, אז מען גיבט דיר דריי מאות ביסטו פרייליך?!

עס וועט דיך נישט קראצן אז גרונם האט צען מעלוינעס?!

מיט א רואיגקייט.

פאר דו קומסט אן צו די דריטע מאה, דארף מען זען צו דו ביסט ערליך מיט דיין ערשטע מאה, צו די באצאלסט דיינע אקאונטס פעיעבל'ס?!!

מען דארף זען צו דו ביסט ערליך מיט באצאלן דיינע נעבעכדיגע עולם-הדמיון'דיגע קרעדיט קארדס וואס בארויבן דיין מנוחה טאג און נאכט.

משה'לע קליינער-קאפ האט א קרעדיט קארד ביל פון הונדערט אלפים, ער בעט זיך ביים באשעפער זאל אים העלפן, דער אייבערשטער שיקט אים אונטער א פעטן שמאלציגן דיעל, פארדינט א האלבע מעלוינע, אנשטאט שוין היינט באצאלן די מאה אלף קרעדיט קארד חוב, פליעט ער מיט חברים צו די ווארימע ערטער לצורך רפואה, און קויפט צוויי זומער הייזער אין אלאסקע און אין האנעלולו, פארטאכלעוועט די האלבע מעלוינע, און וויינט מיט קראקאדיל טרערן פארוואס יענער מאכט געלט ווי מיסט און ביי אים נעמט מען טייער געלט און מען קויפט דערמיט מיסט.

אויף וועם האסטו טענות?

מען האט דיר נישט געגעבן א שאנס?

ווער איז דיין פינאנציעלער עצה געבער?

דו האסט א מורה דרך אין לעבן?

דו הערסט אויס יעדן שוטה וואס האט א קעמערע אין די האנט?

אז דו ווערסט מוזן טון יעדע מינוט אלעס וואס די CREW טוט, פארסטו אין די וואנט אריין!

אפשר דיין חבר וועמען דו טאנצט נאך האט יא באצאלט אלע אבליגעישנס פאר'ן קויפן זומער הייזער?!

טו נישט קיין צודרייטע זאכן און נאכדעם שרייען פארוואס אין ברסלב לאכט מען פון געלט.

אין ברסלב לאכט מען נישט פון געלט וואס מען נוצט צו וואוינען אין א הויז און דרייוון א קאר.

אין ברסלב לאכט מען פון געלט וואס מען לייגט אין צודרייטע זאכן.

ווייסט דאך אודאי דעם ווערטל, אז ס'איז באשערט געלט קען מען נישט אנטלויפן.......

דער הייליגער באשעפער ווייסט דיין אדרעס, ער וועט דיך טרעפן מיט א גראבן דיקן שמאלציגן קאנווערט. זארג נישט. דו גייסט שיין פארדינען.

קענסט שוין רואיג גיין יעדן טאג צו שחרית מנחה מעריב, דער באשעפער איז אויף דיין זייט. נאר זע צוצוביינדן דיין געלט צום באשעפער.

הייליגער באשעפער פליז שיק מיר כך וכך דאלער פאר די חוב, און כך וכך פאר יענע חוב, און כך וכך פאר די אנדערע חוב.

הייליגער באשעפער איך גיי שוין זיין גוט. איך גיי שוין לייגן די געלט וואו עס באלאנגט.

פליז אייבערשטער געב מיר נאך א טשענס.



# הילולא קדישא




## מורינו רבי נתן מברסלב זיע"א

י' טבת תר"ה

### בלעטל שמות

רבי נתן איז נסתלק געווארן ביי די ווערטער, ער האט געדאווענט מנחה ערב שבת, און ביי די ווערטער ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח האט ער זיך אפגעשטעלט, ער האט דאס איבערגעזאגט אן א שיעור מאל, און אזוי איז ער נפטר געווארן. ווייל דאס איז געווען רבי נתן - א גאנץ לעבן האט ער נאר דאס מגלה געווען פאר אלעמען.

די אלע וואס זאגן אז מען האט געהאלטן נאר פון רבי'ן און נישט פון רבי נתן, די ווייסן גארנישט פון רבי'ן. ווייל דער רבי האט בפירוש געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שע): **"מען דארף דאנקען רבי נתן, ווייל ווען נישט אים וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין בלעטל שמות"**. נאך האט דער רבי געזאגט "קיינער פארשטייט מיר נישט נאר נתן, און נפתלי א ביסל".

אלע ספרים וואס מיר האבן היינט פון רבי'ן איז נאר אדאנק רבי נתן זכרונו לברכה; ער האט אפגעשריבן אלע תורות וואס ער האט געהערט פון רבי'ן. דער ערשטער חלק ליקוטי מוהר"ן האט ער געדרוקט בחיים חיותו פון רבי'ן, און דער צווייטער חלק ליקוטי מוהר"ן האט ער געדרוקט נאכן רבינ'ס הסתלקות.

*עצתו אמונה ויחי תשע"ח*

### מיינע צוויי מאדעלן

אין די צייטן פון הייליגן רבי נתן איז געווען א איד א משכיל רחמנא ליצלן וואס מען האט אים גערופן 'דער דייטשל'. איינמאל איז ער אנגעקומען צו די שטאט טולטשין. אין יענע צייטן איז געווען דער סדר אז די פאסט אפיס האט אויך געטון די קאר סערוויס - צוגעשטעלט וועגן פאר מענטשן וואס ווילן פארן פון איין פלאץ צום צווייטן.

ר' יצחק, דער זון פון רבי נתן, האט דעמאלט געארבעט ביי די פאסט אפיס, און דער משכיל האט אריינגעקלאפט ביי ר' יצחק אין אפיס צו בעטן ער זאל אים צושטעלן א וועג קיין בערלין.

פונקט דעמאלט איז רבי נתן געזעסן דארט ביי ר' יצחק אין אפיס, כדי צו באזוכן זיין זון ר' יצחק.

דער משכיל האט געזען רבי נתן זיצן דארט, האט ער געגעבן א פרעג ר' יצחק: "ווער איז דער אלטער?" האט אים ר' יצחק געזאגט: "דאס איז מיין טאטע". האט אים דער משכיל געפרעגט: "איך קען רעדן צו דיין טאטע?" האט ר' יצחק געפרעגט זיין טאטע אויב ער וויל רעדן צו דעם משכיל, און רבי נתן האט געענטפערט: "זאל ער קומען".

רבי נתן איז אריין אין א לאנגע שמועס מיט דעם משכיל. רבי נתן האט דאך געהאט ווארימע לעכטיגע ווערטער וואס האבן אנגעווארעמט די הארץ צום אייבערשטן.

נאכן שמועס מיט רבי נתן האט ער זיך אנגערופן פאר ר' יצחק ער זאל מבטל זיין די נסיעה קיין בערלין, ווייל ער וויל פארן מיט רבי נתן אהיים צו זיין שטאט ברסלב, דארט וואו רבי נתן האט געוואוינט.

אַזוי איז טאַקע געווען, ער איז מיטגעפאָרן מיט רבי נתן אַהיים קיין ברסלב, און דער משכיל האָט זיך אינגאַנצן איבערגעדרייט פון אַ משכיל צו אַ גרויסער ערליכער איד. ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה גמור און אַ גרויסער צדיק, אַזוי ווייט אַז רבי נתן האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אויף אים אַז ער וועט זיך באַרימען מיט אים אויבן אין הימל פאַרן כסא הכבוד.

אויך איז געווען אין די צייטן פון רבי נתן נאך א איד, ליידער א משכיל רחמנא לצלן, וואס האט געוואוינט אין שטאט ברסלב, דארט וואו רבי נתן האט געוואוינט.

דער משכיל איז געווען ליידער אזוי ווייט פארפארן און פארדארבן, אז ער האט מחלל שבת געווען בפרהסיא רחמנא לצלן.

איין שבת נאכמיטאג האט זיך אויפגעוועקט אין אים די פינטעלע איד וואס איז דא אין יעדן איד, און ער האט זיך אריבערגעכאפט צום בית המדרש פון רבי נתן, בשעת מען האט געהאלטן אינמיטן שלש סעודות.

ווען אנשי שלומינו האבן אים געזען אריינקומען נאך מיט פארשמירטע הענט פון די טינט וואס ער האט ממש יעצט געניצט צו שרייבן אין שבת רחמנא לצלן - האבן זיי אים גלייך געוואלט ארויסטרייבן פון בית המדרש.

אבער דער הייליגער רבי נתן האט זיי נישט געלאזט מען זאל אים פארטרייבן, רבי נתן האט געזאגט: נישט אומזינסט איז ער געקומען דא ביי אונז אין בית המדרש, מן הסתם גייט אויף אים אריבער שווועריקייטן אין לעבן און ער דארף חיזוק.

אזוי איז ער דארט פארבליבן אין בית המדרש און געהערט די געוואלדיגע חיזוק פון רבי נתן וואס האט אויפגעפלאמט דאס הארץ צום אייבערשטן.

פון דעמאלט און ווייטער איז ער שוין געקומען דאווענען יעדן שבת קודש, און נאכאמאל זיך צוגעהערט צו די לעכטיגע דיבורי התחזקות פון רבי נתן, ביז ער איז געווארן א בעל תשובה גמור און א גרויסע צדיק.

רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף אים אז ער וועט זיך בארימען מיט אים אויבן אין הימל פארן כסא הכבוד.

אויף די צוויי אידן



האט רבי נתן זיך שטענדיג אויסגעדרוקט: זיי וועלן זיין מיינע מעדאלן אויף יענע וועלט".

אזו ווי א שר וואס באקומט א אויסצייכענונג ווען ער טוט א אויסערגעווענליכע זאך, אזוי אויך ביי מיר איז זייער חשוב די צוויי אידן וואס איך האב געקענט איבערדרייען פון אפיקורסים און כופרים, און זיי מאכן גרויסע צדיקים, און מיט זיי וועל איך מיך בארומען אויבן אין הימל.

ספר אילן החיים




עד חרמה, ער האט נישט געוואלט רעדן צו אים, ער האט אים ארויסגעווארפן פון שטוב, אבער ביים סוף האט ער אים אזוי ליב געהאט, ער האט אים גערופן אזוי ווי מען רופט אן אדם גדול, מיט א ר', "ר' נתן"; רבי נתן האט געזאגט: "טאטע, רוף מיר נישט מיט א ר'", אבער דער טאטע האט געזאגט: "איך האב פון דיר אזויפיל נחת, איך וועל דיר רופן רבי נתן".

עצתו אמונה וישלח תשפ"ב

## זיך דערהאלטן בשעת א בזיון

אין די צייטן פון הייליגן רבי נתן איז געווען א גרויסער צדיק וואס איז געווען באקאנט ביי יעדן אז ער פאסט פון איין שבת צום צווייטן.

ער פלעגט זיצן אין בית המדרש א גאנצע וואך און לערנען פלייסיג מיט א גרויסע התמדה.

איינמאל אינמיטן די וואך ווען ער איז געזיצן אין בית המדרש און געלערנט אזוי ווי געווענליך, האט ער געשפירט א שטארקע הונגער, ער האט געשפירט אז ער גייט כמעט אויס פון הונגער רחמנא לצלן.

ער האט זיך געמאכט א חשבון אז ער מוז זאפארט אויספאסטן און גיין עפעס עסן כדי ער זאל נישט אויסגיין רחמנא לצלן, אבער פון גרויס שוואכקייט פונעם פאסטן האט ער נישט געהאט קיין כח צו גיין ביז זיין הויז אויספאסטן, וואס טוט מען דא?

אזוי טראכטנדיג וואס צו טון האט ער זיך געכאפט אז דא אין בית המדרש ליגט דאך די מצה פונעם עירוב, ער איז שנעל געגאנגען זיך וואשן נטילת ידים, ער האט געמאכט א ברכת המוציא און זיך געזעצט עסן די מצה.

אין די זעלבע צייט איז דער שמש פון שול געווען אויבן אין ווייבער שול, און ער זעט ווי נישט מער און נישט ווייניגער דער צדיק עסט פון די עירוב מצה, האט ער זיך גענומען שרייען אויף אים "ביסט א פאפער, ביסט א פאפער". ער האט פארשפרייט פאר די גאנצע שטאט אז דער מענטש איז א פאפער און בכלל נישט קיין צדיק.

ער האט אים זייער שטארק פארשעמט פאר די גאנצע שטאט, ביז דער צדיק האט דאס נישט געקענט פארנעמען אז מען פארשעמט אים אזוי שטארק, און ער איז ליידער געפאלן פון זיינע הויכע מדרגות.

ווען מען האט פארציילט פאר רבי נתן די מעשה האט ער זיך אנגערופן: "ווען ער זאל האבן אונזערע דבורים, אונזערע שמועסן און אונזערע התחזקות וואלט ער נישט אוועק געפאלן, נאר **אדרבה דוקא יעצט ווען די גאנצע שטאט פארשעמט אים וואלט ער געקענט דינען דעם אייבערשטן מיט אן אמת אן קיין שום פניות**".

ספר אילן החיים

## סוף הכבוד לבא

טייערער ברודער, זארג נישט; ביים סוף וועלן זיי שלום מאכן מיט דיר און דיין ווייב, זיי וועלן אויך אנקומען צום רבי'ן. אויב דו וועסט זיי ווייטער מכבד זיין, דו וועסט נישט רעדן קעגן זיי, דו וועסט טראכטן נאר גוטס אויף זיי - וועלן זיי אליינס קומען קיין אומאן.

וואס דארפסטו מער פון די מעשה וואס רבי נתן האט געהאט מיט זיינע עלטערן; אין אנהייב האט אים זיין טאטע גע'רודפ'ט



## א משוגענעם

אמאל איז אריינגעקומען א משוגע'נער ביי רבי נתן בשעת שלש סעודות, ער האט געשריגן: "איך האב געהאט א זיידע וואס האט געהאט טויזנט גאלדענע רענדלעך".

רבי נתן איז אריין אין א שמועס פון משוגעים, ער האט געזאגט: "לעולם וואלטן מיר אלע גענדארפט אויסקוקן ווי דעם משוגע'נעם, כפי וויפיל עבירות מיר האבן געטון. די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ג.) 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת', א מענטש זינדיגט נישט נאר נאכדעם וואס ער ווערט משוגע; וואלטן מיר גענדארפט זיין טויט משוגע, נאר בזכות וואס מיר זענען מקורב צום רבי'ן - דאס היט אונז. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קעו) 'צָרִיךְ הָאָדָם לְמַהֵר מְאֹד לְגָרֵשׁ מִקִּרְבּוֹ הָרוּחַ שְׁטוּת, מַה שֶּׁלִּבּוֹ מָלֵא מֵרוּחַ שְׁטוּת הַדָּבוּק בּוֹ', א מענטש דארף ארויסקלאפן פון זיך אלע נארישקייטן, אלע שגיונות, 'וְזֶה עַל יְדֵי שֶׁנִּתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת', דורך זיך מקשר זיין צום אמת'ן צדיק איז ער זוכה ארויסצוקלאפן די אלע נארישקייטן. וואס איז התקשרות? 'וְהִתְקַשְּׁרוּת הַיְנוּ אַהֲבַת נֶפֶשׁ מַה שֶּׁאוֹהֵב לְהַצַּדִּיק מְאֹד', ווען דער מענטש האט ליב דעם צדיק, דורך דעם ווערט ער איינס מיט'ן צדיק, ער הייבט אן גיין אין די וועגן, טון די עצות, דורכדעם ווערט ער צוריק נארמאל".

רבי נתן האט געזאגט: **"די וועלט איז משוגע און איך אויך, אבער איך האב געקענט א קלארן, איך האב געקענט דעם רבי'ן"**; דער רבי האט דעת און אז מיר זענען מקושר צום רבי'ן וועלן מיר זוכה זיין צו נכלל ווערן אין זיין הארץ.

שפעטער האט רבי נתן געזאגט: "אויב פון א משוגע'נעם קען ארויסקומען אזעלכע שיינע התחזקות - דארף מען האבן משוגעים".

עצתו אמונה יתרו תשפ"א

## הכנסת אורחים

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות אות הכנסת אורחים, סימן ו): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהַקְבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה", די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער פון גיין אין שול און פון מקבל זיין די שכינה; דעריבער זאלט איר זיך פרייען ווען עס קומט א גאסט צו אייך, די שכנים קומען צו אייך, זיי ווילן הערן פון רבי'ן, זיי ווילן הערן דיבורי אמונה; דאס איז מער חשוב ווי זאגן תהילים אדער לערנען פאר זיך אליין.

דער הייליגער רבי נתן פלעגט זייער פלייסיג לערנען, ער איז געווען א מתמיד עצום; דאך האט ער געהאט א מנהג, ווען איינער איז געקומען צו אים פאר חיזוק - האט ער גלייך פארמאכט דעם ספר און יענעם מחזק געווען.

אזוי זאלט איר טון, אז א שכן קלאפט אויף אייער טיר, בפרט שבת נאכמיטאג ווען די מענער זענען אין שול און איר ווייסט נישט וואס איז וויכטיגער, אדער רעדן מיט יענעם, אויסהערן יענעם, אדער זאגן תהילים, לערנען עצתו אמונה; זאלט איר ענדערש טון הכנסת אורחים, און אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו די ברכה וואס דער רבי זאגט (ספר המדות שם, אות ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים".

עצתו אמונה מטות מסעי תשפ"ב

עבירה, אנדערש וואלט ער נישט פארשעמט די ספרים.

היינט נאכט איז די יארצייט פון הייליגן רבי נתן. אזוי האט רבי נתן געזאגט, דער וואס צערייסט און פארשעמט ספרים וואס זענען מגלה דעם אייבערשטן - האט דאס נאר געקענט טון ווייל ער האט פאר דעם געטון זייער א גרויסע עבירה און אין רפואה למכתו; ווייל מה דאך "המזבה תלמיד חכם אין רפואה למכתו", מה דאך דער וואס פארשעמט א תלמיד חכם וועט ווערן קראנק און נישט האבן קיין היילונג פאר זיין קראנקייט, איז דאך זיכער אז איינער פארשעמט הייליגע ספרים וואס רעדן נאר פון אמונה, פון קדושה - איז דאך זיכער אז ער וועט כאפן א ביס פון א שלאנג און נישט האבן קיין רפואה.

*עצתו אמונה ויחי תשפ"ג*




## איך וועל אייך נישט שולדיג בלייבן

איך וועל אייך נישט שולדיג בלייבן, איך וועל אייך באצאלן; נישט מיט געלט נאר מיט וואס רבי נתן האט באצאלט דעם בעדער ווען מען האט אים צוגענומען זיין פרנסה פאר'ן עפענען די מקוה שטילערהייט פאר רבי נתן, "געלט האב איך נישט" - האט רבי נתן געזאגט, **"איך וועל דיר באצאלן, איך וועל נעמען דיינע קינדער און זיי מאכן פאר ערליכע אידן".**

*עצתו אמונה מטות מסעי תשפ"ב*

## גוטע קבלה

נעמט זיך פאר א גוטע זאך לכבוד אייער יום הולדת, עס דארף נישט זיין א גרויסע זאך.

רבי נתן האט געפרעגט דעם רבי'ן נאך זיין מאמע'ס פטירה וואס ער זאל טון לטובת איר נשמה, האט אים דער רבי געזאגט: "פון היינט און ווייטער זאג די ברכה פון אשר יצר מיט כוונה לטובת איר נשמה"; אפילו א קליינע זאך מאכט אין הימל א גרויסע רעש.

זאגט יעדן טאג תהילים, מה טוב ומה נעים אויב איר קענט זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים; זונטאג יום ראשון, מאנטאג יום שני און אזוי ווייטער, און אז איר קענט זאגן נאר אביסל - זאגט אביסל.

*עצתו אמונה כי תבוא תשפ"ב*

## שלום בית ביים רבי'ן

רבי נתן האט דערציילט, ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קענען פארן צום רבי'ן, האבן אים חברים צוגערעדט ער זאל פארקויפן זיין ווייב'ס טיכל. דאס איז געווען ווערד אסאך געלט, עס האט געהאט אריינגענייט אין זיך שיינע טייערע שטיינער וכו', און אזוי וועט ער האבן געלט צו פארן צום רבי'ן.

אבער רבי נתן האט פארשטאנען אז אויב ער וועט דאס טון - וועט דאס ערגער מאכן די מצב אין שטוב און ער האט נישט צוגעהערט צו די חברים.

שפעטער פלעגט רבי נתן דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט נישט געפאלגט די חברים, ער האט נישט ווי געטון זיין ווייב; ער האט געזאגט: "וואלט איך ווען פארקויפט איר טיכל וואלט געווען נאכדעם א גט - וואלט איך נישט געקענט מקבל זיין פון רבי'ן"; ווייל דעם רבי'נס ליכטיגקייט קען מען נאר מקבל זיין מיט א ריינעם מח, מיט א הייליגע מח, און דאס גייט נאר אז מען איז אן אדם השלם.

*עצתו אמונה חיי שרה תשפ"ג*

## הפצה הפצה

גייט ווייטער הפצה, שטעלט אייך נישט אפ פאר קיינעם. מען האט מיר געשיקט א פאשקעוויל פון איינעם וואס סטראשעט די מפיצים אין לאנדאן; איך בעט אייך זייער, מאכט אייך נישט צו טון, דאס איז נאר א סימן אז מען טוט גוט, גייט אן מיט די הייליגע ארבעט ביתר שאת וביתר עוז.

נקוט האי כללא, וואו עס איז דא א קול דקדושה ווערט נתעורר א ווידער קול. גייט ווייטער פארשפרייטן די חיזוק פון רבי'ן, און אויב איינער צערייסט און איז מבזה די ספרים - זאלט איר וויסן אז יענער איז א בעל עבירה, ווייל ווער עס רעדט אויף ספרים וואס זענען מגלה דעם אייבערשטן - איז א בעל

## שמחה

רבי נתן האט מען אמאל געזען זייער לעבעדיג טאנצן ביי א חתונה, האט ער געזאגט: "איך האב געטאנצן נישט לכבוד החתונה, איך האב געטאנצן ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו, אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן; און שטוב איז שווער צו טאנצן אזוי לעבעדיג, ביי א א חתונה איז גרינגער".

אזוי אויך האט מען אים געזען זייער שטארק וויינען ביי א לוי', האט ער געזאגט: "איך האב געוויינט צום אייבערשטן אויף מיינע זאכן, איך האב געוויינט מיט מיינע תפילות, גארנישט מיט די לוי; נאר ביי א לוי' איז א גוטע צייט ווען מען קען וויינען".

*עצתו אמונה ויחי תשפ"ג*

## אנטלויף פון מחלוקת

אז מען האט ענק איינגעליידנט צו די חתונה - זאלן ענק גיין; וואס האסטו צו קוקן אויף א צווייטן? וואס האט עס מיט דיר אז מען האט נישט איינגעליידנט אנדערע פון די משפחה? וואס דארפסטו זיין אריינגעמישט אין מחלוקות? דו גיי מיט דיין ווייב און גיב יעדן איינעם שלום, גיב יעדן איינעם מזל טוב, און זיי נישט אריינגעמישט אין מחלוקות.

אנטלויף פון מחלוקות, האב נישט מיט קיין מחלוקות. בעט דעם אייבערשטן עס זאל דיר ווי טון מחלוקות און חס ושלום נישט זיך פרייען און הנאה האבן צו הערן מחלוקות.

היינט נאכט איז דער יארצייט פון אונזער רבי - רבי נתן זכותו יגן עלינו, ער פלעגט זאגן: **"ווען איך זע צווי אידן קריגן זיך - שפיר איך ווי עס שטעכט מיר אין די זייט"**; אז מען הערט ווי מען קריגט זיך ביי אידישע קינדער, קהילות צעטיילן זיך - דארף מען וויינען, און אז מען וויינט נישט דארף מען וויינען אויף דעם אליינס אז מען איז אזוי פארגרעבט; מען פריידט זיך, מען האט הנאה צו הערן די סארט זאכן.

*עצתו אמונה ויחי תשפ"ג*

## העלפן פארשפרייטן די ספרים

ווען מיר דערמאנען זיך פון רבי נתן דארפן מיר זיך מחדש זיין אין העלפן פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון רבי'ן פאר די וועלט. רבי נתן האט געזאגט, מען דארף זיין שטארק בגוף, בטרחא ובממון; יעדער איינער לויט זיין יכולת.



*עצתו אמונה ויגש תשפ"ד*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש – סימן רע"א סעיף ד'

ביי די מצוה פון קידוש האבן די הייליגע חכמים אוועקגעשטעלט די מצוה, אנדערש ווי ביי אנדערע מצות. למשל, די מצוה פון ליינען קריאת שמע ביינאכט (ד.מ. מעריב) מעג מען נישט אנהייבן עסן א סעודה פון א האלבע שעה נאנט צו די זמן פון ליינען קריאת שמע, ד.ה. פון א האלבע שעה צו צאת הכוכבים.

אגב, די פוסקים שרייבן – אז אויב איינער האט א זמן קבוע ווען ער דאוונט יעדן טאג, דעמאלס מעג ער זיך יא זעצן צו א סעודה אפילו ס'איז שוין אנגעקומען די זמן פון דאווענען.[48]

על כל פנים אפילו מ'מעג נישט אנהייבן א סעודה, אבער א טעימה, אן א קביעות סעודה ווי פרוכט, מעג מען יא עסן.

און אזוי אויך טאמער מ'האט שוין אנגעהויבן צו עסן בהיתר, ד.ה. פאר די האלבע שעה, דארף מען נישט מפסיק זיין – מ'מעג ממשיך זיין מיט די סעודה.

און אפילו מ'האט אנגעהויבן באיסור, טאמער איז עס א מצוה דאורייתא, מוז מען זיך אפשטעלן פון די סעודה,[49] און אויב ס'איז א מצוה דרבנן מעג מען ווייטער עסן

### הגהות

48) ערוך השולחן סעי' ט"ו – ט"ז עפ"י מג"א סק"ח שער הציון סי' רל"ה, עי' בשו"ת אג"מ ח"ד סי' צ"ט ובשש"כ פנ"ו הע' י"ב

49) עי' בשער הציון סי' רל"ה סקכ"ז פרטי דין זה, האם צריך להפסיק מיד, או רק כשיגיע הזמן עי"ש

אפילו מ'האט אנגעהויבן באיסור.[50]

אנדערש איז די מצוה פון קידוש:

1) אפילו א קלייניקייט ווי וואסער, מעג מען נישט עסן אדער טרינקען פאר קידוש.

2) אפילו מ'האט אנגעהויבן א סעודה אינמיטן טאג - ווען ס'קומט די זמן פון שבת קודש מוז מען זיך אפשטעלן און גיין מאכן קידוש - דאס ווערט אנגערופן אין די גמרא (פסחים ק.) פורס מפה ומקדש.

***עס איז דא עטליכע סיבות פארוואס קידוש איז הארבער און מען קען נישט עסן אדער טרינקען פארדעם:***

א) די סיבה פארוואס מ'מעג נישט עסן ווען עס קומט אן די זמן פון טון א מצוה ווי למשל, פארן צינדן חנוכה לעכט, אדער פאר בדיקת חמץ איז, ווייל די חכמים האבן מורא געהאט אז מ'וועט עסן א סעודה און ס'וועט זיך פארציען, און מ'וועט פארגעסן צו טון די מצוה, טאקע וועגן דעם, איז א קלייניקייט יא מותר צו עסן.

אנדערש איז ביי די מצוה פון קידוש, די חכמים האבן געוואלט אז מ'זאל מאכן קידוש וואס נענטער צו כניסת השבת - דאס אריין קומען פונעם שבת קודש, און אזוי אויך ביי הבדלה, האבן די חכמים געוואלט וואס נענטער וואס די שבת גייט ארויס, דערפאר, האבן זיי מתקן געווען אז מ'זאל גארנישט עסן אדער טרינקען, אפילו א קלייניקייט פאר קידוש און הבדלה.[51]

נאך א נקודה. אפילו לויט די שיטה (וואס דער מג"א אין סק"א שרייבט אויף דעם ארויף וואס די מחבר פסקנ'ט אין סעיף א) אז מ'דארף קידוש מאכן תיכף ווען מ'קומט אהיים, פסקנ'ט דער מג"א (בשם מרמ"ע מפאנו) אז טאמער מ'איז נאכנישט הונגעריג מעג מען צו ווארטן. מיט דעם וואס מ'עסט גארנישט פאר קידוש, הייסט עס אויך תיכף צו כניסת שבת (רמ"ע מפענו אין די תשובה סי' ב') .

ב) **"יקרא דשבתא"** - די טייערקייט פון שבת.

די חכמים האבן געוואלט אז דאס עסן שבת זאל זיין אנדערש פון דאס עסן פון א גאנצע וואך, מיט מער כבוד, האבן זיי מתקן געווען אז שבת עסט מען נישט פאר מ'מאכט קידוש.[52]

און מיט דעם פארשטייט מען שוין אויך, פארוואס די חכמים האבן אויך אזוי געזאגט, אז מ'מעג נישט עסן פאר קידוש שבת צופרי

ט"ו] מ'מעג גארנישט עסן אדער טרינקען פרייטאג צונאכטס פאר קידוש, אפילו וואסער מעג מען נישט טרינקען.[53]

ט"ז] מ'מעג אויסשווענקען די מויל מיט וואסער, אויב מ'שלינגט עס נישט אראפ.[54]

י"ז] איינער וואס דארף נעמען מעדעצין פאר קידוש, מעג עס נעמען, און אויב ער קען עס נישט נעמען אן קיין וואסער מעג ער צו טרינקען אביסל וואסער.[55]

און אזוי אויך עסן-טרינקען לצורך רפואה, מעג מען פאר קידוש.[56]

## הגהות

50) עי' בסי' רל"ה במשנ"ב סקכ"א.

51) כך מבואר במג"א סי' רל"ה סק"ד - רעק"א סי' רע"א סק"ה שו"ע הרב סי' רע"א סעי' ט'

52) ס' מקור חיים לחוו"ד סי' תל"ו ביאורים סק"ב: גליונות ברוך טעם סי' רס"ט ובמועדים וזמנים ח"ג סי' רמ"ה

53) שו"ע סעי' ד'.

54) מג"א, הובא במשנ"ב סקי"ג.

55) שו"ת מנחת יצחק ח"ח סי' ח"י - שו"ת ויען יוסף ח"א סי' ק"ז - חוט השני ח"ד פפ"ה סוף סק"ב

56) עי' שו"ת שיח יצחק או"ח סי' קמ"ד.

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

# הדיבור הולך אל הרוחות והכתב נשאר לדורות

אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל לוּדוּשׁ הָאט גֶעוואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער רָב אִינֶעם שְׁטֶעטְל רֶבִּי גֵּרְשׁוֹן שְׁטֶערְן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה. עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גְרוֹיסֶע קְהִילָה אוּנְטֶער זִיךְ, אָבֶער עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן מְחַבֵּר גֶעוֶוען הַפְלָא'דִיגֶע סְפָרִים מִיטְן נָאמֶען יַלְקוּט הַגֵּרְשׁוּנִּי, אוֹיף תַּנַ"ךְ, אוּן אַגָּדוֹת הַשַּׁ"ס אוּן אַזוֹי אוֹיךְ שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס דָאס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר דוֹרוֹת.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער שֵׁיינֶער בַּעַל דַּרְשָׁן וָואס וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעהֶערְט זַיינְס אַ דְּרָשָׁה אִיז פָּשׁוּט צוּגֶעקְלֶעבְּט גֶעוָוארְן צוּ אִים.

עֶס אִיז אַמָאל פָארְגֶעקוּמֶען אַן אֲסִיפַת הָרַבָּנִים אִין אוּנְגַארְן וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ רַבָּנִים זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אִין אֵיין אָרְט זִיךְ דוּרְכְצוּשְׁמוּעֶסְן טֶעמֶעס וָואס זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען עוֹמֵד עַל הַפֶּרֶק, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ רַבָּנִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דְּרָשׁוֹת דָארְט.

וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען זַיין צַייט צוּ רֶעדְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַ דְּרָשָׁה אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט. עֶר הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דִי רַבָּנִים זָאגְנְדִיג: "רַבָּנִים! פַארְוָואס זֶענְט אִיר נִישְׁט מְזָרֵז אוּן מְעוֹרֵר אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ גֶעבְּן צְדָקָה? דִי שֶׁפַע אִין פַּרְנָסָה הָאט לֵיידֶער אַרָאפְּגֶעטְרַאסְקֶעט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס זֶענֶען לֵיידֶער דָא יְתוֹמִים אוּן יְתוֹמוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, עֶס זֶענֶען דָא בְּלוּטִיגֶע אָרִימֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוֹיף דִי רַבָּנִים לִיגְט אַ חוֹב צוּ מְעוֹרֵר זַיין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים אוּן חַבְרֵי קְהִילָה, דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים אוּן נְגִידִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן דִי וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעךְ נִישְׁט."

לֵיידֶער הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען יוּנְגֶע רַבָּנִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל מֻשְׁפָּע פוּן דִי מַשְׂכִּילִים רח"ל. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַזַא דְּרָשָׁה, וָואס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף הֶעלְפְן אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט. זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיף זֵייעֶרֶע בֶּענְקְלֶעךְ אוּן אוֹיפְן טִישׁ כְּדֵי צוּ שְׁטֶערְן זַיין דְּרָשָׁה, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן "דוּ שְׁנָארֶער! דוּ רֶעדְסְט נָאר פַאר דִיר וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעלְט!" אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זַיין דְּרָשָׁה, אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן אַוֶועקְגֶעמַאכְט. עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ פַארְן רָב צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין זַיין דְּרָשָׁה.

פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט אַוֶועקְזֶעצְן מִיט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאקְן גֶעפִיל, צֶעבְּרָאכֶענֶערְהֵייט. אוּן אַזוֹי הָאט דִי אֲסִיפָה זִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט אַנְדֶערֶע דְּרָשׁוֹת.

אִינְמִיטְן אִיז גֶעוֶוען אַן הַפְסָקָה כְּדֵי דִי רַבָּנִים זָאלְן קֶענֶען אַבִּיסְל עֶסְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן. דֶער בַּעַל יַלְקוּט הַגֵּרְשֻׁנִּי, רֶבִּי' גֵּרְשׁוֹן שְׁטֶערְן אִיז גֶעזֶעסְן אִין אַ זַייט צֶעבְּרָאכְן מִיט גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַּעַת. אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ רָב אוּן גֶעזָאגְט: "לוּדוּשֶׁער רָב, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְשֶׁעמְט? נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶועלְן אוּנְז בֵּיידֶע שׁוֹין זַיין אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת, אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַייךְ פַארְשֶׁעמְט בָּרַבִּים, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט זַיין דָא. מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט וִויסְן אַז מֶען הָאט דִיר פַארְשֶׁעמְט אַמָאל בָּרַבִּים. אִיז וָואס וֶועט מֶען יָא גֶעדֶענְקְן פוּן דִיר? אַייעֶרֶע סְפָרִים וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן, וָואס יֶעדֶער בַּעַל דַּרְשָׁן וֶועט דָאס דַארְפְן הָאבְּן אִין זַיין בַּאזִיץ, אוּן טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וֶועלְן נֶהֱנֶה זַיין פוּן דִי סְפָרִים, אִיז פַארְוָואס זָאלְט אִיר זַיין צֶעטְרָאגְן אוּן וֵויי גֶעטוּן. דוֹרֵי דוֹרוֹת וֶועט מֶען דִיר גֶעדֶענְקְן," ר' גֵּרְשׁוֹן הָאט גָאר שְׁטַארְק הַנָּאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם רָב: "אִיר הָאט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט אַייעֶרֶע דִיבּוּרִים."

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט זָאגְנְדִיג: "פוּן דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ מִיר גֶעלֶערְנְט וָואס וֵוייניגֶער צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן נִישְׁט. וָואס בְּלַייבְּט יָא? דָאס זֶענֶען דִי סְפָרִים, דָאס בְּלַייבְּט פַאר דוֹרֵי דוֹרוֹת." אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט אַסַאךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט: "וִוי קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים פַאר דוֹרוֹת?" בִּיז עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז נָאר דוּרְךְ שְׁרַייבְּן סְפָרִים לוֹיט דֶעם רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים, אוּן מֶען וֶועט עֶס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וַוייל סְפָרִים זֶענֶען אַ זַאךְ וָואס הַאלְט זִיךְ פַאר דוֹרֵי דוֹרוֹת.

*שיחות מוהרא״ש חלק צ׳ ערך ספרים*



בעל ילקוט הגרשוני זי״ע



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קמ"ג

## פארזעצונג פון פריער:

**דער הייליגער רבי געפונט זיך אין שטאט וואלטשיסק, צו די חתונה פון זיין טאכטער מרים.**

**פאר'ן גיין צו די חופה האט דער מחותן, הרה"ק מוואלטשיסק זי"ע, זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן אז ער זאל אים אינזין האבן ביי די חופה, ווייל ער האט פראבלעמען מיט די אויגן, האט אים דער רבי געענטפערט, "איך ווייס, איך ווייס אז דו האסט שלעכטע אויגן. וואלסטו געהאט גוטע אויגן, וואלסטו געפארן צו מיר אויף די חתונה, נישט איך וואלט געדארפט פארן צו דיר!"**

ביי די מצוה טאנץ האט דער רבי געוואלט טאנצן מיט זיין טאכטער, די כלה מרים, אבער איר שווער האט איר נישט געלאזט טאנצן מיט'ן רבי'ן, און עס איז ארויסגעקומען פון דעם א שטיקל בזיון פאר'ן הייליגן רבי'ן.

עס איז באקאנט אז שפעטער, ווען די פארפאלק איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז איר מאן נפטר געווארן, און זי האט חתונה געהאט מיט זיין ברודער, אבער זי האט נישט געהאט קיין קינדער איר גאנץ לעבן.

רבי נתן האט דאס ערקלערט לויט די תורה "עתיקא" (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כ"א), וואס דער רבי זאגט דארט אז מרים הנביאה וואס האט פוגם געווען אין די כבוד פון משה רבינו, איז איר שטראף געווען אז איז נתיבם געווארן און זי האט נישט געהאט קיין קינדער, ווי מען קען זען אינעווייניג אין די תורה.

נאך די חתונה האט דער רבי געהייסן רבי נתן אז ער זאל אנהויבן טראכטן און מחדש זיין חידושי תורה, ער זאל עס אבער נאכנישט אראפשרייבן, "אן אנדערס מאל וועל איך דיר הייסן שרייבן" - האט דער רבי אים געזאגט.

אויך האט דער רבי דעמאלט געהייסן פאר רבי נתן, און פאר אלע אנשי שלומינו, אז זיי זאלן זאגן יעדע נאכט תיקון חצות.

דער רבי האט דעמאלט געזאגט פאר נאך אנשי שלומינו אז זיי זאלן טראכטן תורה, פרובירן מחדש צו זיין חידושי תורה. דער רבי האט געזאגט אז דאס טראכטן חידושי תורה איז א גרויסער תיקון אויף שלעכטע הרהורים וואס מען האט געטראכט. ווייל אלע הרהורים קומען פונעם כח המדמה, און דורך דעם וואס מען איז מחדש עפעס אין די תורה, וואס דאס איז א בחינה פון מדמה מילתא למילתא, מען פארגלייכט איין זאך צום אנדערן, דורך דעם איז מען מתקן דער פגם פון די שלעכטע הרהורים וואס קומט דורכ'ן כח המדמה (זע ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ק"ה).

דערנאך איז דער רבי צוריק אהיימגעפארן קיין ברסלב.

פאר שבת חנוכה האט דער רבי גערעדט גאר וואונדערליכע זאכן איבער מענטשן און באשעפענישן אויף דער וועלט, דער רבי האט געזאגט אז די בילדער און צורות פון אלע מענטשן, זענען אלע אריינגעלייגט אין דעםווארט "אדם", וואס דער אייבערשטער האט געזאגט (בראשית א', כ"ו) "נעשה אדם", אין דעם ווארט איז אריינגערעכנט אלע בילדער פון אלע מענטשן אויף דער וועלט.

די זעלבע איז מיט די ווערטער "בהמה", "חיה" און אזוי ווייטער, וואס ווערן אויסגערעכנט אין פסוק ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז אין דעם איינעם ווארט אריינגערעכנט אלע בהמות און חיות, און אזוי ווייטער אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן.

דער רבי האט לאנג ארומגעשמועסט אין דעם ענין, און ער האט דעמאלט געזאגט אז עס זענען דא אזעלכע חכמות אויף דער וועלט, וואס מען קען לעבן מיט די חכמות אליין, אן צו דארפן עסן און טרינקען. אזעלכע וואונדערליכע זאכן, אזעלכע הויכע און טיפע חכמות געפונען זיך אויף דער וועלט, וואס א מענטש קען זיך מחיה' זיין און לעבן אויף דעם, אפילו ער וועט גארנישט עסן אדער טרינקען.

עס איז געווען א לאנגע שמועס איבער דעם, מיר האבן אבער נישט זוכה געווען אז עס זאל ווערן אפגעשריבן.

כ"ח כסליו, שבת חנוכה, פרשת מקץ, איז זיך צוזאמגעקומען א גרויסער ציבור ביים הייליגן רבי'ן.

דער רבי האט געזאגט תורה אויפ'ן פסוק (בראשית מ"א, א') "ויהי מקץ שנתים ימים" (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ"ד), אין וואס דער רבי רעדט דארט אסאך פון בירור און זכוך המדמה, זיך אויסצולייטערן דעם מח און וויסן ווי אזוי צו טראכטן ריכטיג.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



עכט זילבער
עכט געפלאכטן
עכט ביליג
בלויז
איין וואך
סעיל!
זילבער שטייגט נאר העכער און העכער. נוצט אויס דעם איינמאליגן געלעגנהייט זיך איינצוהאנדלען אן עכט געפלאכטענע עכט זילבערנע עטרה פאר א פרייז וואס גייט מער נישט זיין!
די ארגענעלע 'פארקאש' עכט געפלאכטן
custom
SHOWROOM
FINE JUDAICA
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11204
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 School St.
By appointment only, Ext.3
*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב






**ביים צינדן די חנוכה לעכט אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה - א'-ב' מקץ**

קרעדיט: אליהו לב





**ביים צינדן די צווייטע חנוכה ליכטל און דערנאך א טענצל אין ביהמ"ד אין שטעטל - ב' מקץ**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**די קינדער פונעם תלמוד תורה אין קרית יואל מיט א מנורה וואס זיי האבן אליין צאמגעשטעלט - ד' מקץ**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**ביים צינדן די חנוכה לעכט אין ישיבה - ג' מקץ**

קרעדיט: שלמה האממער



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים צינדן די חנוכה לעכט - ב' מקץ**

קרעדיט: צביקי פרענקל



**סיום הש"ס פון הילד אליעזר ני"ו בן מו"ה יצחק ראטה הי"ו אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ד' מקץ**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**ביים צינדן די חנוכה לעכט אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים אין שטעטל - א'-ב' מקץ**

קרעדיט: שמוליק בלעדי




**א בליק אריין אינעם כולל בוקר אין שטעטל - ה' מקץ**
קרעדיט: אייזיק ראטה



**די געטרייע בודקים בײם פארעכטן די עירוב אין שטעטל - ה' מקץ**
קרעדיט: אייזיק ראטה



**ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה' מקץ**
קרעדיט: שמעון פארטיגאל



**שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א פאר די בחורים אינעם ישיבה אין שטעטל - ה' מקץ**
קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים צינדן די חנוכה לעכט מיט די קינדער - ה' מקץ**
קרעדיט: אייזיק ראטה



סעודה אויף די גרויסע נס אז מען איז מקורב צום רבי'ן, די פיפטע נאכט חנוכה אין ביהמ"ד עצתו אמונה יבנאל - ה' מקץ
קרעדיט: נחמן נתן מימוני



מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו ביים בויען די סטעידש פאר די בימה אינעם ביהמ"ד - ה' מקץ
קרעדיט: אייזיק ראטה





אפשערן פון הילד בן מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו ביים מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק מקץ תשפ"ו
קרעדיט: אייזיק ראטה





סיומים פון די חשובע בחורים ביי די מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק מקץ
קרעדיט: נפתלי זאבעל

















**מלווה מלכה אינאיינעם מיט א הערליכע כאר פון די קינדער פונעם תלמוד תורה אין שטעטל - מוצש״ק מקץ**

קרעדיט: לייבי ראטה, נפתלי זאבעל, שמעי וואקס



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט אנשי שלומינו
נאכן ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה' מקץ
קרעדיט: שמעון פארטיגאל



דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו
ביים צינדן די חנוכה לעכט - מוצש"ק מקץ





שבת חנוכה קיבוץ מיט אנשי שלומינו בני ברק - מוצש"ק מקץ
קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



דער ראש ישיבה שליט"א ביים פארטיילן צדקה פאר די קינדער
פונעם תלמוד תורה ביי מנחה אין שטעטל - א' ויגש



בילד ווי דער זון שיינט אויף זאת חנוכה אין
שטעטל - ב' ויגש
קרעדיט: אייזיק ראטה

בס"ד
פרשת ויגש
אויסגאבע # 2

# אינדערהיים

**איך טשעק אריוס פון ברסלב**
ש. טראכטער

**אויסגעלאשענע מנורה**
פ. גליק

**פאניק אטאקע**
ש. ל. פליישמאן




## א פריוואטע שטוב אין אשת חיל

הער א מעשה

# אינהאלט



5



6

**בס"ד**
פרשת ויגש
תשפ"ו
**נומער 2**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

# אן עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
bletelmagazine@gmail.com

# קלאסיפיידס

## KB Realty

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347–731–3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי




# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אהרן לונגער הי"ו

וזוגתו בריינדל תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה עלי מזרחי הי"ו

וזוגתו לאה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו

וזוגתו חי' יהודית תחי'

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

dominogrp.com

loop PLUMBING

Masters of drip

917.202.1206

dominogrp.com

# טאטי איז אין אפיס

646.938.2503

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevbletel@gmail.com

## ל. ראטה
קרית ברסלב

אן אינטערסאנטע פראבלעם. שכח אייבערשטער אז איך האב וואסער אין מיין הויז, אבער די פראבלעם איז געווען אז אמאל האב איך נאר הייסע וואסער, אמאל נאר קאלטע. איך מאך א וואנע פאר מיין בעיבי און די וואסער איז צו הייס. איך וויל וואשן דישעס און די וואסער איז פראסטיג קאלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען טרעפן די פראבלעם, אבער מ'האט נישט געקענט טרעפן די פראבלעם. איך האב שוין געהערט אזא זאך אז די הייס וואסער איז אויסגענוצט אדער ס'איז צובראכן, אבער וואס קען זיין אז ס'מישט זיך אויס? אמאל קען די קאלטע זייט זיין הייס, אמאל איז די הייסע זייט קאלט. אדער איז ביידע הייס, אדער ביידע קאלט.

נאך א שטיק צייט בעטן דעם אייבערשטן האט מען ב"ה געטראפן די פראבלעם, און מ'האט עס געקענט פאררעכטן.

שכח אייבערשטער.

## ש. ראבינאוויטש
קרית ברסלב

איך קען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב געקענט אנקומען אויף ארץ ישראל צו א נאנטע משפחה שמחה. עס איז מיר געווען מורא'דיג איינגענעם אז איך קען זיך טרעפן מיט יעדן פון מיין משפחה, עס האט מיר געגעבן א נייע גוטע געפיל און עס גיבט מיר אריין פרישע כח.

נאכן הנאה האבן און אויסנוצן די צייט, בין איך שוין ב"ה אויפן וועג צום לופטפעלד. אינמיטן באקום איך א טעקסט אז זיי האבן מבטל געווען מיין פליִיט.

נאכן זיין אזוי צוגעוואוינט צו תפילה גייט עס שוין אטאמאטיש, אנשטאט צו ווערן פארלוירן הייבן אן די ליפן זיך צו שאקלען.

א קליינע תפילה,

א פשוט'ע, א שטילע.

א צומישטע אפילו,

מיין איינציגע פעולה.

קיין אנדערע עצות,

א דאגה אויף מיינע פלייצעס.

מיט תפילה איך בייט עס,

צום אייבערשטן גייט עס.

אפאר מינוט שפעטער באקום איך נאך איין טעקסט, אז זיי קענען מיר געבן א פלייט קיין טשיקאגא. א האלבע ישועה, אבער ניין, נאך א שנעלע חשבון כאפ איך אז דאס מיינט אנקומען אין טשיקאגא פרייטאג ווען ס'נישטא קיין צייט צו גיין ווייטער. ניין, איך קען נישט זיך פארשטעלן א שבת אין טשיקאגא אליין, ווען מיין מאן און קינדער ווארטן שוין אויף מיר אינדערהיים

איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן, דערווייל האט מיין מאן געקלינגען צום לופטפעלד, פראבירנדיג אנצוקומען צו איינעם וועמען ער קען פרעגן וואס דא גייט פאר. א נס איז געווען אז ער האט בכלל געקענט רעדן צו איינעם וואס הערט אים אויס. יענער זאגט: "סארי ס'איז געווען עפעס א טעות, זי קען יא קומען געהעריג אויף די פלייט וואס איז געווען באשטעלט פון פאר'דעם, צו פארגיטיגן געבן זיי מיר א בעסערע באקוועמערע זיץ".

שכח אייבערשטער די וועג אהיים איז געווען ספעציעל געשמאק, מ'קען אויסציען די פיס און זיך אביסל מער מסדר זיין, ווי אין די שמאלע צוקוועטשטע זיצן.

אין מציאות איז אלעס געווען פונקט ווי געפלאנט, די גאנצע נסיון איז געווען אין מח.

זעט אויס אז פאר דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א איינגענעמע וועג אהיים, האט ער געוואלט פראבירן אויב איך וועל נאכאמאל קומען צו אים און זיך פארלאזן אויף אים.

## א פרוי פון
### קרית יואל

חנוכה איז א צייט צו דאנקען, און פון הכרת הטוב. איך האב זייער שטארק געוואלט געבן טיפ'ס פאר אלע מלמדים און טיטשער'ס וואס געבן זיך אפ מיט מיינע קינדער'ס, 6-7 אדער אפילו 8 שעה יעדן טאג.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו באקומען די געלט פונקט אין צייט, און אויך זאל איך עס קענען שיין אהערשטעלן. צו דעם האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס צו קענען שיקן צוזאמען מיט א הארציגע בריוו'לע.

שכח אייבערשטער די געלט איז אנגעקומען ממש חוץ לדרך הטבע, אויף אזא אינטערעסאנטע אופן וואס איך האב נישט געטראכט, די טשאקאלאד איז אויך אנגעקומען צו מיר אויף אן אומגעראכטענע וועג. איך נעם די געלט מיט די שטאקאלאד איך גרייט עס שיין אן, און איך זעץ זיך אראפ צו צו שרייבן א קליין צעטעלע וואס דאס גיבט די הארץ, איך בין נישט קיין שרייבער און אוודאי נישט קיין פראפעשענעל, אבער אז מ'בעט פאר דעם איז ארויסגעקומען אזעלכע שיינע דיבורים, אז איך האב נישט געקענט טראכטן אז כ'האב עס אליין געשריבן.

דער אייבערשטער העלפט, מ'דארף נאר געדענקען אז דאס קען איך אויך בעטן.

## ח. ד
### קרית ברסלב

שכח אייבערשטער פאר די נס אז איך האב א געזונטע שטארקע בעיבי, וואס איז ארומגענומען מיט אסאך תפילות און ב"ה ס'איז געזונט און ס'אטעמט, ס'רוקט זיך די הענטעלעך און פיסעלעך.

נאך האבן די בעיבי האט איך געוואלט גיין צו אשת חיל זיך אפרוען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אמת'דיג שטארק קענען גלייך באקומען א שטוב און ס'זאל זיין א פריוואטע צימער, אזוי זאל איך זיך קענען געהעריג אויסרוען.

איך האב אריינגערופן און שכח אייבערשטער זיי זאגן מיר "יא" ס'איז דא אוועילעבל א פריוואטע צומער איך קען קומען.

ווען איך בין אנגעקומען האב איך געהערט די פרויען שמועסן אז ס'איז אוממעגליך צו באקומען גלייך א פריוואטע צימער. אפילו די וואס פראבירן מיט פראטעקציע און זיך בעטן, דארפןווארטן ביז זיי באקומען א דאבל רום, און נאכדעם ווען ס'ווערט ליידיג א פריוואטע שטוב קען מען טוישן.

אבער ווער האט נאך אזעלכע גוטע פראטעקיצע ווי דער וואס גייט בעטן ביים אייבערשטן?

## ש. וו
### קרית ברסלב

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן חלות פאר שבת. מיין מאן איז געגאנגען צו מעריב און געפרעגט אינגעלייט אויב זיי האבן חלות. איינער האט געזאגט אז ער גייט יעצט צום בית התשביל, ער קען קוקן אויב דארט איז דא חלות. אביסל שפעטער רופט ער מיר זאגן אז ער האט דארט געטראפן ברוך השם פיינע פרישע חלות.

ש. טראכטער



# איך טשעק ארויס פון ברסלב

א געפילדער האט זיך געהערט פון די פלעי רום. וואס גייט דארט פאר? עס הערט זיך ווי מלחמת גוג ומגוג. איך גיי שנעל אהין צו זען וויאזוי מען קען מאכן א שלום צושטאנד צווישן זיי.

איך קום אריין און איך דערשרעק זיך וואס איך זע. מיין זעקס יעריגער שטייט און דרוקט אראפ זיין אכט יעריגער ברודער ביז צו די ערד. ווידער דער אכט יעריגער שטארקט זיך און הייבט זיך אויף הויער. און זיי שטופן זיך אראפ צו די ערד איינער דעם צווייטן.

"וואס גייט דא פאר?" פרעג איך שטרענג.

"איך וויל אים ווייזן אז איך בין העכער." ענטפערן ביידע אויף די זעלבע מינוט.

איך קוק זיך צו און איך פארשטיי. איינער וויל ווייזן פאר'ן צווייטן אז ער איז באמת העכער (זיי זענען כמעט די זעלבע הייער) און די עצה? איך וועל יענעם אראפשטופן. ווען ער וועט ווערן נידריג, וועל איך ווערן זייער הויך.

איך האב, פארשטייט זיך, אפגעשטעלט די קריגעריי און געזאגט אז אידישע קינדער טארן אזוי נישט טון. אבער נאכדעם האב איך זיי געזאגט א נקודה למחשבה וואס זיי זענען אפשר געווען צו יונג צו פארשטיין, אבער איך האב עס געזאגט פאר זיך אליינס אז איך זאל עס גוט הערן!

"פארוואס דארפסטו יענעם אראפדרוקן כדי זיך צו דערהייבן? ענדערש נעם א בענקל און גיי ארויף, און דו ביסט שוין א קאפ העכער!"

...

מיין חבר'טע רופט מיר אן אינדערפרי זייער צובראכן. "איך טשעק ארויס פון ברסלב."

פארוואס? זי האט נעכטן געהאט א

משפחה שמחה. איר שוועסטער האט געטון א שידוך. אזא שיינע תורה וגדולה שידוך, שתי שולחנות. די זיידע און באבע זענען געווען איבערגליקליך. דער טאטע איז א חסיד'ישער אינגערמאן, ארבעט און דערצו לערנט ער רוב טאג. די מחותנים האבן וואילע קינדער און איידעמער און דערצו לעבן זיי בעל הבית'יש, א ערליכע דירה, מיט אסאך געלט. און איבער אלעם מאכן די מחותנים א רושם - ביי די לחיים - פון פרייליכע און רואיגע מענטשן. בקיצור, זיי האבן עס.

"נו?" וואונדער איך זיך וואו זי צילט.

"וואס הייסט נו? פארוואס דארף איך ברסלב?!" פרעגט זי כמעט מיט טרערן.

איך פרוביר צו פארשטיין איר שאלה. "וואס הייסט פארוואס דו דארפסט ברסלב? פארוואס טאקע? ווער זאגט אז דו דארפסט ברסלב? פארוואס ביסטו בכלל אין ברסלב?" פרעג איך איר צוריק.

איך וואונדער זיך אויב זי איז אין ברסלב פשוט ווייל זי האט נישט א צווייטע ברירה, אדער פשוט ווייל דא שעפט איר מאן זיין חיות דקדושה? צו שפירט זי באמת נישט אז זי האט זיך געטווישט פון ברסלב?

זי איז מיר מסביר אז ביי איר אין מח מאכט אזעלכע פעלער שטארקע חלישות הדעת. מילא איינער קומט פון א שווערע שטוב און האט ווייטאג אויף די עבר, פארשטייט זי פארוואס יענער איז אנגעקומען קיין ברסלב. אבער ווען איינער קומט פון א געזונטע, ערליכע שטוב, וואו די געשוויסטער זענען ב"ה מצליח סיי ברוחניות און\אדער סיי בגשמיות, און די עלטערן זעען נחת פון אלע, דאן קומט אריין די ווערימל אין מח, "וואס פעלט מיר אויס די גאנצע מעשה? צו וואס פעלט אויס צו זיין אזוי פארשעמט, אזוי אנדערש, ווי טון משפחה, און ווערן אראפגעקוקט?" (אפשר נישט? אפשר איז עס נאר אין מח, א גוטע טאקטיק פון שטן אונז צו מבלבל זיין פון טון די עצות?)

זי איז מיר מסביר אז ביי איר אין קאפ טראכט זי כסדר, "קיינער איז נישט גוט. אן די שיעורים איז מען נישט ערליך. אלע פאלן. קיינער האט נישט חינוך, שלום בית... אלעס איז פאלש. נאר אין היכל הקודש האט מען עס."

ממילא ווען זי קומט צו א שמחה און זי זעט אז אנדערע האבן עס אויך... ווערט זי שוואך, און קלערט, "אויב מען קען יא, פארוואס טאקע טו איך וואס איך טו? פארוואס קען נישט מיין מאן טרעפן א חסידות וואס איז אביסל מער "קלאסיש"?

א שטארקע שאלה.

איידער דו לייענסט ווייטער, לייג אראפ די בלעטל און טראכט צו זיך. וואס איז טאקע די ענטפער? וואס ענטפערסטו טייערע חבר'טע? אויב מען קען זיין ערליך און גוט אן ברסלב, פארוואס דארפסטו טאקע ברסלב?

די ענטפער איז אבער זייער פשוט. פארוואס ביסטו טאקע געקומען קיין ברסלב?

דו ביסט אין ברסלב ווייל דו ווילסט זאגן אז אלע זענען נישט גוט, נאר ברסלב איז גוט? צו שטופסטו יעדן אראפ, ווייל דו מוזסט זיך אליינס איינרעדן אז דו ביסט הויך, אדער אז נאר דו ביסט הויך? אדער ווייל ברסלב מאכט "דיר" טאקע העכער?

מיר זענען נישט געקומען קיין היכל הקודש ווייל אלע זענען פארנארט. מיר זענען נישט געקומען צום רבי'ן ווייל די גאנצע וועלט איז נישט ערליך.

מיר זענען געקומען צום רבי'ן ווייל דער רבי, "מאכט מיר ערליך!"

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, "איך וואונטש פאר אלע מתנגדים זון און איידעמער דיינים און רבנים. וואס האט דאס מיט מיר? דער רבי געבט "מיר" לעבן!

"איך" בין געווען אין "די וועלט", און "איך" האב אפגעלעבט מיינע יארן אזויווי איך האב געלעבט, און יעצט בין "איך" געקומען צו א פלאץ, וואס שווענקט מיין מח (די לצים האבן א גערעכטע טענה...) צו טראכטן פון תכלית, פון עלמא דאתי (יענע וועלט). איך האב געטראפן א ראש ישיבה וואס איז "מיר" מחזק צו לעבן שיין אין שטוב, ער לערנט "מיר" נאכאמאל און ווידעראמאל אויס אריינצובאקן אמונה פשוטה טאג טעגליך אין מיינע קינדער. "איך" האב געטראפן א פלאץ וואס געבט "מיר" די בענקל צו אנקומען העכער אין "מיין" עבודת ה'.

וואס האב "איך" מיט יענעם? וואס אינטערעסירט מיר אויב יענער מאכט עס יא אדער נישט?

ביים גרויסן משפט, ביים בית דין של מעלה, וואס איז שוין אט אט, וועט מען מיר נישט פרעגן: "פארוואס האט דיין שוועסטער....?" אדער, "היתכן, דיין חבר'טע....?", אדער, "וואס האט דיין שוועגערין געטראכט, ווען....?"

מען וועט פרעגן דירעקטע ברענעדיגע שאלות, "פארוואס האסטו יא, אדער פארוואס האסטו נישט? צו האסטו געטון דאס מערסטע צו זיין אן ערליכע איד, צו זוכן אן ערליכער איד, צו ברענגען דיינע קינדער צו צדיקים, און זיי געגעבן די בעסטע חינוך?"

נאר דאס וועלן מיר דארפן ענטפערן דארט אויבן ביים בית דין של מעלה. מיין לעבן, מיין בחירה, מיינע מעשים.

עס איז צומאל דא א טעות ביי אנשי שלומינו. מיר דארפן נישט אוועקמאכן דעם און יענעם, די חסידות אדער יענע מוסדות. אז איך האב געטראפן אן אוצר, מוז איך נישט יעצט זאגן אז אלע זענען בלוטיגע ארימעלייט.

שטילערהייט, "אף די רעקארד" (נישט רעקאדירט) וועל איך אייך אויסזאגן דעם אמת, איך האלט אויך באמת אז אן דעם רבי'ן מאכט עס קיינער נישט, אדער בעסער געזאגט אויב מאכן זיי עס יא, דאן אויב וואלטן זיי ווען געהאט דעם רבי'ן וואלטן זיי אזויפיל שענער און בעסער געווארן. מה דאך איינער וואס איז וויאזוי ער איז, איינער וואס איז כלו רע, קען דער רבי נעמען און מאכן פון אים א צדיק גמור, איז אוודאי אז פון א וואילע, איידעלע פרוי, וואס קומט שוין פון שטוב מיט אמונה, כסיפים און יראת שמים, קענסטו זיך פארשטעלן וואס דער רבי קען מאכן מיט אזא איינעם?

און עקסטערע זאך איז נישט כאפן התפעלות פון די "קאסטיום" (פארשטעלאכץ). וואס מיינט "וואוילע זון און טעכטער"? ריכטיג, ער האט די מתנה אז אלעס קלאפט פון אינדרויסן. אבער דו און איך ווייסן דאך יא דעם אמת. נעם זיך אליינס פאר א ראי', ווי גוט דו ווילסט זיין און ווי שווער עס גייט דיר צומאל. זיי א מבין דבר מתוך דבר, פארשטיי אז "אלץ דאכט זיך, אז ביי יענעם לאכט זיך." און געדענק וואס חז"ל זאגן "אל תסתכל בקנקן" שאץ נישט אפ א זאך פונדערויסן

אין א געשמאקע שיחות חברים מיט איינע פון אונזערע טייערע שוועסטער פון ארץ הקודש, האבן מיר געשמועסט איבער דעם אז מיר קומען ב"ה פון שטיבער נישט נאר שומר תורה ומצוות, נאר שטיבער בתים נאמנים לה', א הויז ווי מען לעבט און אטעמט אייבערשטער.

און דאס מאכט צומאל שווער, ווען מיר פארגעסן וויאזוי "איך" בין געווען פאר'ן קומען צום רבי'ן. מען קוקט זיך ארום און מען קלערט, "איך בין דאך געווען וואויל און פרום און איך האב קיינמאל נישט געהאט מחשבות פון אפלאזן תורה און אידישקייט." אבער אידישקייט איז אזוי טיף און שיין. די תורה גייט אלץ טיפער און טיפער. עבודת המידות איז עד אין סוף, און דער רבי וואשט אונז אפ אונזער פארשטויבטע פענסטער, אונזער נשמה, און געט אונז די לייטער, די סולם, די קול, די מתנה פון התבודדות ותפילה וואס וואשט אונז אויס אויף אן אופן וואס מען האט נישט בייגעוואוינט איידער מיר זענען אנגעקומען צום רבי'ן.

דער רבי נעמט אונז פשוט'ע מענטשן און מאכט אונז פאר צדיקים. דער רבי מיט זיינע הייליגע תלמידים נעמט אונזער מח און פילט עס אן מיט אזויפיל אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו מקיים זיין אין טאג טעגליכן לעבן "ולדבקה בו!" זיין צוגעקלעבט צו אים.

יא, איך און דו קענסט אסאך מענטשן וואס זענען שרייבערס און לערערינס און וואוילע און טייערע אידישע פרויען אן די עצות, און מיר דארפן נישט יענעם קלאפן זיך צו דערהייבן. לאמיר ענדערש רעדן פון זיך.

דער רבי האט "מיר" ארויסגענומען פון א וועלט פון שאיפות און רצונות און ארייגעלייגט אין א וועלט פון לעובדא למעשה.

מיט די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א האב איך זוכה געווען צו עפענען מיין מויל (באמת עפענען, אוודאי האסטו אלעמאל אזוי געווייגט ביי 'כי אתה שומע' אלץ קינד, און אפילו געדאווגט שחרית, מנחה און מעריב, פרק שירה ועוד... אבער דאס איז א צווייטע בחינה). דורך די שיעורים בין איך אריין פון אן וועלט פון "טעאריע", פון א וועלט פון "שפעקולאציעס" פון זיך קאכן מיט פריינט און געשוויסטער וואס איז טאקע עבודת ה' און וואס איז "תכלית הבריאה". (אוי, די שעות פון רעדן און אויסרעדן און דורכטון די "ענינים"...) פון א וועלט פון שיטות און דעות, צו א לעבן פון השתוות, פון ישוב הדעת, צו א לעבן פון וויסן באמת וואס דער אייבערשטער וויל יעצט פון מיר. איך ווייס וואס איז די עיקר און וואס איז דער טפל, סיי בעניני גשמיות און אויך אין רוחניות.

דער רבי געבט מיר שלוות הבית. (מיר קענען מאכן א שיינע רעקלאמע דערפון. "שלוות הבית! אנדעקט אינערליכע שמחה און רואיגקייט, פארענטפערט אלע אייערע ספיקות, פארשטיי די סוד און די יסוד צו קדושת הבית... - ערשטע הונדערט רעגעסטרירטע באקומען 50% אראפ... פאר מער אינפארמאציע רופט היינט: 212-444-9169")

די לימודים און עצות פון רבי'ן געבן "מיר" א וועג אנצוקומען צו מדריגות, צו מידות, צום אייבערשטן, אויף די וועג וואס דער אייבערשטער וויל, נישט אויף די אופן וואס איך האב זיך גע'דמיונ'ט אין סעמינאר.

אבער אויב איז טאקע אזוי, אז דו קומסט נישט פון בוים, און דו קומסט פון א שטוב וואס איז ערליך און פרום און באמת ספעציעל, פארוואס פילט מען ווי דער רבי געבט אונז לעבן? ווייל די סימן אז מען איז אנגעקומען צו א צדיק אמת איז אז עס פאלט ארויף א שפלות אויפ'ן מענטש.

איך געדענק יארן צוריק ווען איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים האב איך געהערט ווי דער ראש ישיבה זאגט דאס אויף א שיעור און איך האב געטראכט צו זיך, "אפשר בין איך נישט ביים צדיק אמת, ווייל איך שפיר נישט דוקא א שפלות?"

און דער אמת איז געווען אז איך בין טאקע נאכנישט געווען ביים צדיק אמת. איך בין בכלל נישט דא געווען. איך האב נאכנישט געהאט טועם געווען די אונגארישע וויין. דאס הייסט, איך האב געהערט שיעורים, אבער איך האב נאכנישט אויספרובירט התבודדות, אדער נישט אויספרובירט גענוג לאנג.

עס ארבעט נישט אין איין מינוט. דער הייליגער רבי זאגט אין שיחות הר"ן אז אלע זיינע רייד ווירקן אויפן מענטש. עס איז דא געוויסע זאכן וואס ווירקן גלייך, ווי א מעדעצין וואס מאכט א באלדיגע רושם, און נאכדעם איז דא זאכן וואס ארבעטן ווי א וויטאמין, עס גערדויערט א ווײלע ביז עס גייט אריין אין די בלוט און עס הייבט אן ווירקן.

שוועסטער, וועק זיך אויף, עס איז א שפיל! הייב אן גיין התבודדות, באמת התבודדות, נישט די סארט אז "איך רעד א גאנצן טאג צום אייבערשטן." דערצייל אים אויס דיינע בלבולים, דיינע חלישות הדעת. מאך זיך אליינס א חשבון הנפש. פארגעס נישט ווער דו ביסט און וואס דער רבי מאכט פון דיר. אזויווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, "פארגעסט נישט איטליכער וויאזוי איך האב אייך געפונען."

היכל הקודש איז אראפגעקוקט? געוויס. דער רבי האט דאס שוין געזאגט. איך וועל אוועקנעמען פון אייך "גדולה". גאוה וועלן מיר ב"ה נישט האבן ביים רבי'ן. כבוד המדומה נעמט דער רבי אוועק פון אונז. שכח אייבערשטער. עס איז שווער? יא. צומאל זייער שווער. עס איז א געהעריגע אפעראציע. א רוחניות'דיגע אפעראציע.

שוועסטער, חזק, עס איז שוין גוט און עס ווערט נאר בעסער און שענער!

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך גדענק.

## פאניק אטאקע

די סטעפס אראפגעשפרינגען,
זיין Radio האט געקלינגען,
ער לויפט אריין,
דער הצלה מאן.
נעמט די מצב אין די הענט,
באטראכט דעם פאציענט.
די Pulse ער טאפט,
דאס הארץ קלאפט.
דער מענטש קאמפלעינט,
ער פילט ווי ער Faint.
זיין הארץ ממש Stopped,
זיין אטעם איז פארכאפט.

דער הצלה מאן,
קוקט אים אין די אויגן אריין,
פרובירט ווערן געוואר,
ביים פאציענט מאכן קלאר...
קען זיין עפעס דרוק,
מאכט דיך פילן אזוי Sick...
די פרעשור אין דיין מח,
Sucked דיר אויס דיין כח.
עס מאכט דיר ענקזייעטי,
און פון דעם יעצט ליידסטו...
ס'איז די 2020 מכה,
ס'הייסט א פאניק אטאקע...

דער הייליגער רבי האט פאראויס געזען,
וואס אין אונזער דור וועט געשען.

ראש השנה, נאך אין יאר תק"ע,
האט דער רבי געטון שרייען:
"העיקר הוא האמונה",
די עיקר איז אמונה...!

לאמיר קוקן אריין,
אין ליקוטי מוהר"ן,
וואס דער רבי האט דאן,
געטון מגלה זיין:
כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה
שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת וְלֹא תְּפִלָּה וְלֹא זְכוּת אָבוֹת
עס זענען דא מענטשן וואס ליידן רח"ל שרעקליכע קרענק וואס קומט נאר פון ווייניג אמונה. עס העלפט נישט פארדעם קיין שום מעדעצין, תפילה, אדער זכות אבות...

אונזער דור איז געפלאגט,
האט דער ראש ישיבה געזאגט...
מיט גייסטישע פראבלעמען,
פון פארשידענע ABC נעמען.

אלע מיני Symptoms משונה,
**קען מען היילן מיט אמונה!**
רעדן צום אייבערשטן פריוואט,
זאג אים ווי דו פלאצט כמעט...

התבודדות איז די Healing,
ארויסצונעמען יעדע שלעכטע Feeling,
מיט אמונה קענסטו פארמיידן,
אלע פסיכאלאגישע ליידן...

ווארעם דיך אן אין די קעלט,
זאג: ס'דא א באשעפער אויף דער וועלט!
ליין און לערן עצתו אמונה בריוון,
שכח אייבערשטער! טו אויסרופן.

צינד אן, הער אן אמונה Song,
רעד פון באשעפער ווי מער אין דיין טאג,
**ברוך השם, אי"ה**, זאל זיין אויף דיין מויל,
עס וועט אויפפרישן דיין נשמה, דיין Soul.

שמועס מיט א פריינדינע,
נאך אביסל פון אמונה.
דאס אלעס וועט שטארקן דיין גייסט,
נערוון און מח עקסערסייז...

בעט: "**באשעפער, געב מיר א קלארע אמונה,**
**איך זאל פילן ארומגענומען מיט שכינה...**"

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# אויסגלאשענע מנורה

פ. גליק

די פענדל און שאפע שפיגלט,
די וועש שוין געוואשן, געביגלט.
די גאנצע חנוכה טייג,
די  דריידל שעיפס און געצייג,
שוין לאנג אוועקגעלייגט-
אויף קומענדיגע יאר,
וואס גייט דא פאר?

קוים די יום טוב אריינגעברענגט,
באצירט  די טיש, דעקארעישאנס הענגט.
אין אן אויגנבליק עס איז פארביי,
וואס איז יעצט?!  מיין הארץ געבט א
שריי!
איך האב אזוי געוואלט די שמחה זאל זיך
שפירן,
גלייך ווען מען טוט דורכגיין די טירן.

פרובירט א יעדע טריק,
פון מאכן פריילעך, ברענגען אין שטוב
גליק,
פאנקעס,  לאטקעס,
און what not איז,
געווען אין די הויז galore,
איך בין געווען אזוי sure,
אז ס'וועט זיך שפירן דערהויבן ביז גאר,
ס'וועט זיין חנוכה די בעסטע יאר!
און יעצט,
קוים אפאר טעג דערנאך,
איך טראכט צוריק,
און שפיר זיך צובראכן- אבער דאך,
מוז איך זיך דערמאנען,
ווי די לעכטעלעך, די פלאמען,
האבן געגלאנצט און געשיינט,
באלאכטן נאנט און ווייט,
אפילו עס האט זיך געגאסן,
די ערווארטערטע טרערן האבן בכלל
נישט געפלאסן,
חנוכה אבער איז געווען,
נישט קיין חילוק וואס דערווייל איז
געשען!

די קינדער,
האבן גענומען א רייע,
יעדער איינער באזונדער,
קאוויד, קאלד, און פלו,
אדער סתם אזוי, די ווינטער בלוי,
מיד איז מען געווען,
דורך די הויפענעס שמוץ, די ערד נישט
געזען,
אבער דאך חנוכה איז געווען...

און יעצט
אין די הויז הערשט א רואיגקייט,
וואס בלייבט איבער- מ'איז שוין
ארומגעדרייט?
די קרעכץ וואס איך האב ארויסגעשריגן,
ווען אונטער מיין דעק  בין איך שוין
געלעגן,
זיך געטראפן זאת חנוכה איבערגענומען,
פון די פיל טירדה'ס מיין קאפ געשווימען,
אבער אונטער מיין דעק - האט מיין הארץ
געבענקט,
ווייל דאך האט זי געדענקט,
אז חנוכה איז א צייט פון זיך באנייען,
חנוכה איז א צייט פון דאנקען און זיך
פרייען,
און בשעת וואס איך האב די פאנקעס
געטון דרייען,
האב איך נישט געקענט  צום אייבערשטן
אויסשרייען.

כאטש מיין הארץ האט געברענט,
זי האט אזוי געוואלט שפאלטן די
הימלישע ווענט,
זענען די טעג  געלאפן פארביי,
און דא טרעף איך זיך דעם לעצטן דריי,
ווי זענען מיינע תפילות?
וואס איך האב געהאפט צו בעטן?
ווי זענען די רצונות,
צו וואס איך האב געוואלט אויפטרעטן?
ווי זענען די טרערן,
אויף וואס איך האב א גאנצע יאר
ארויסגעקוקט?
איין דריי און קוק,
ס'איז אנטלאפן ווי אן אויגן בליק...

אבער שוועסטער טייערע,



דאס איז די חשובסטע זאך דיינע,
דיין ווילן, דיין בענקען,
דיין האפן, דיין שטרעבן,
דו האסט געוואלט,
און באמת האסטו ערדרייכט,
כאטש דו פילסט נישט ווי די פלאם און
דיין נשמה לייכט.

דא אונטן ווייסן מיר בכלל נישט,
די חשיבות פון יעדע מאל וואס דו האסט
א נאז געווישט,
יעדע טראפעלע שמחה וואס דו האסט אין
דיין שטימע אריינגעמישט,
און אויסגערופן פרייליכערהייט "די יוונים
געווינען אונז נישט".

דו האסט טאקע זיך גע'חלומ'ט,
ס'זאל אויסזען ווי די בילדער געמאלענע,
אבער נישט דאס איז סוקסעס,
נישט דאס איז וואס אויבן מען מעסט,
אויבן איז דא א מעסטער גאר אנדערש-
דו האסט זיך אויפגעהויבן פון דיין
דיסעפוינטמענט-
און אנגעהויבן פון פריש.

פרובירט א טראפקעלע אמונה
אריינברענגען,
נאך איין מאל די קינדער דערמאנען,
דער אייבערשטער איז דא, אין זיי עס
פרעגלען,

דאס בלייבט,
דאס איז אן אייביגקייט,
כאטש אויפן בילד מען קען עס נישט זען,
כאטש דו געדענקסט אפילו נישט אז
ס'איז געשען...
דאך ס'שיינט אין לייכט אין אלע וועלטן,
אלע boundaries עס טוט מעלטן,
דער אייבערשטער אליין,
ווייסט וואס דו טוסט דורכגיין,
ער זעט דיין פלאג,
דורכאויס די טאג,
ער פארשטייט דיינע געדאנקען,
דיין גוטע ווילן - איז אים די חשוב'סטע
געשאנקען.

טראכט נישט אז חנוכה איז פארביי,
און דו האסט גארנישט אויפצואווייזן סיי
ווי סיי,
נאר שטארק זיך מיט די רבי'ס התחזקות,
און גלייב אז ס'טוט שיינען און גלאנצן
אין אלע עולמות,
די קליינע קרעכץ,
די קורצע תפילה,
וואס האט זיך ארויסגעכאפט בשעת די
איבערגעשטרענגטע פעולה,
דאס האט א מנורה אויבן געצינדן,
און צו אלע צדיקים און גן עדן דיך
געבינדן.

# בלאָטל פארמעסט

א גרויסן שכח פאר
אלע קינדער וואס האבן
אריינגעשיקט זייער בילד
צום פארמעסט, יעדע בילד
באזונדער איז הערליך שיין.
מען וועט זיך טרעפן מיטן
אייבערשטנ'ס הילף
חמשה עשר בשבט

## די געוואונער ביי די חשובע לייענערס איז
## משפחת אינדיג

64




משפחת אינדיג 24 האשקי
קרית ברסלב

## די געוואונער ביי די חשובע בלעטל שטאב איז
## משפחת העסקעל

92



משפחת העסקעל
קרית ברסלב


קינדער
היים
חנוכה
פארמעסט
געווינער
קאליר דעם בילד
– שרייב טישל

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן חזון איש**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **רבי יוסף חיים זאנענפעלד, גאב"ד ירושלים**

שיק ארײַן צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן ארײַנגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



# מענטשערליך

## די הינדעלער חלק א'

גיטִי הָאט אַרַיין גֶעקְלַאפְּט צוּ אִיר שָׁכֵנְ'טֶע, סִימִי.

"הָאסְטוּ אֶפְשָׁר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קָאלִירְפוּלֶע בְּלַייעֶן נֶעבְּן מַיין טִיר?" הָאט גִיטִי גֶעפְרֶעגְט.

"נֵיין נִישְׁט אִיךְ" הָאט סִימִי גֶעעֶנְטְפֶערְט.

גִיטִי הָאט אִיר גֶעוִויזְן דִי שֵׁיינֶע בְּלַייעֶן וָואס זִי הָאט גֶעטְרָאפְן אוֹיסְגֶעוָוארְפְן נֶעבְן זֵייעֶר טִיר.

"לָאמִיר צוּזַאמֶען גֵיין קְלַאפְּן אוֹיף אַלֶע טִירְן", הָאט סִימִי גֶעזָאגְט. "אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְן אַ חֵלֶק אוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַארְלוֹירֶענֶע זַאךְ.

צוּ זֵייעֶר אַנְטוֹישׁוּנְג, אִיז דִי עֶנְטְפֶער גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדֶע טִיר! "מִיר הָאבְן גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן", אוּן קֵיינֶער הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוִויסְט צוּ וֶועמֶען עֶס בַּאלַאנְגְט יָא.

"מִיר דַארְפְן נָאר נָאךְ קְלַאפְּן אוֹיף מָרַת בְּלַייעֶר'ס טִיר," הָאט סִימִי גֶעזָאגְט מִידֶערְהֵייט.

"בַּאבֶּע'ס שְׁפִּילְן נִישְׁט מִיט קָאלִירְפוּלֶע בְּלַייעֶן, אוּן וֶוען זֵיי שְׁפִּילְן יָא לָאזְן זֵיי עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי עֶרְד," הָאט גִיטִי גֶעזָאגְט.

אֶפְשָׁר דָאךְ וָואלְט זִי גֶעוִויסְט וֶוער הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט," הָאט סִימִי גֶעזָאגְט אוּן אִיר הַאנְט הָאט שׁוֹין דֶערְוַוייל גֶעקְלַאפְּט אוֹיף מָרַת בְּלַייעֶר'ס טִיר.

מָרַת בְּלַייעֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ זֶען אִירֶע יוּנְגֶע שְׁכֵנִים בַּיי אִיר טִיר, "מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט.

"אֶפְשָׁר וֵייסְט אִיר פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט פַארְלוֹירְן קָאלִירְפוּלֶע בְּלַייעֶן, דָא אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן?" הָאט סִימִי גֶעפְרֶעגְט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

"אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעפוּנֶען אוֹיסְגֶעוָוארְפְן נֶעבְן מַיין טִיר, אוּן מִיר זוּכְן שׁוֹין אַ גַאנְצֶע שָׁעָה צוּ וֶועם עֶס בַּאלַאנְגְט" - הָאט גִיטִי צוּגֶעגֶעבְן.

"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן" הָאט מָרַת בְּלַייעֶר גֶעזָאגְט, אָבֶּער אֶפְשָׁר ווִילְן עֶנְק אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר אַבִּיסְל? מַיין אֵיינִיקְל פֵייגַאלֶע הָאט גֶעדַארְפְט קוּמֶען אַ שָׁעָה צוּרִיק, אָבֶער זִי הָאט פַארְגֶעסְן עֶפֶּעס וִויכְטִיג אִינְדֶערהֵיים, אִיז זִי צוּרִיק אַהֵיים גֶעלָאפְן".

"אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן מַיין מַאמֶע, הָאט גִיטִי גֶעזָאגְט.

סִימִי אוּן גִיטִי הָאבְן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶע'ס, דֶערְנָאךְ הָאט גִיטִי פָארְזִיכְטִיג אַוֶועקְגֶעפַּאקְט דִי בְּלַייעֶן אוֹיף



בילדער: ח. מ. אפעלדארפער



אַ הויכער פְּלַאץ אִין שַׁאפֶע, אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ מָרַת בְּלַייעֶר. מָרַת בְּלַייעֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף זֵיי, "דָא נֶעמְט'ס אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע בְּלוּמֶען קוּכְן" הָאט זִי גֶעזָאגְט.

גִיטִי אוּן סִימִי הָאבְּן שֶׁעמֶעוְודִיג גֶענוּמֶען קוּכְן אוּן גֶעמַאכְט אַ מְזוֹנוֹת, גֶעוֶוענְדְלִיךְ קוּמֶען זֵיי נָאר צוּ מָרַת בְּלַייעֶר וֶוען אִירֶע אֵיינִיקְלֶעך זֶענֶען דָארְט.

"יֶעצְט זֶענֶען עֶנְק מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעך - הָאט בַּאבִּי זֵיי גֶעמַאכְט פִילְן בַּאקְוֶועם - אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַן אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא, וָואס אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג צוּ דֶערְצֵיילְן יֶעצְט.

***

ר' מָאטְל הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ אוּן זִיךְ אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף אַ צוֹים, דִי וֶועג אַהֵיים אִיז גֶעוֶוען לַאנְג אוּן הֵייס, ר' מָאטְל הָאט צוּגֶעמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן. 'אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּרוּעֶן פַאר אַפָּאר מִינוּט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ גֵיין' - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ.

דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז גֶעוָוארְן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אוּן ר' מָאטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן שְׁלָאף מִיט בֶּהָלָה.

"סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁפֶּעט" הָאט ר' מָאטְל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן הוֹיעֶךְ, דִי זוּן הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיים אוּנְטֶערְגֵיין, אוּן דִי הִימְל אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט מִיט וָואלְקֶענֶעס פוּן אַלֶע קָאלִירְן.

"סְ'אִיז שְׁפֶּעט", הָאט מָאטְל נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט אוּן וֶוען דָאס צוֹים הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאדְט זַיין רוּקְן, גֶעוַואשְׁן זַיינֶע הֶענְט אוּן פָּנִים מִיט אַבִּיסְל וַואסֶער, אוּן וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען אַהֵיים בֶּעפָאר עֶס וֶוערְט אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל" הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ שְׁנֶעלֶע תְּפִילָה.

גְלַייךְ דֶערְנֶעבְּן, אִין דִי הוֹיז פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, הָאבְּן דִי קִינְדֶער זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער, גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה אוּן גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע.

"אַ גוּטֶע נַאכְט קִינְדֶערְלֶעךְ" הָאט דִי מַאמֶע גֶעזָאגְט, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּמַאכְן דִי פֶענְסְטֶער.

וָואס הֶער אִיךְ? הִינְדֶעלֶעךְ? - הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער. זִי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעטְרָאפְן 2 הִינְדֶעלֶעךְ נֶעבְּן אִיר הוֹיז. "אֵיינֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי הִינְדֶעלֶעךְ נֶעבְּן אוּנְזֶער הוֹיז", הָאט זִי דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר הֵיילִיגֶער מַאן ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, לָאמִיר זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אוּן הִיטְן אוֹיף זֵיי, בִּיז זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת קוּמְט זֵיי אָפְּנֶעמֶען".

ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה, וָואס הָאט אַרַיינְשְׁפַּאצִירְט אִין זַיין הוֹיז, "מִיר וֶועלְן הִיטְן אוֹיף דִי הִינְדֶעלֶעךְ אוּן נִישְׁט נִיצְן זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶערֶע" - הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אָנְגֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִין דִי קְלֵיינֶע הוֹיז פוּן ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִיז גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיג, דִי הִינְדֶעלֶעךְ זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט שְׁמוּץ אִיבֶּעראַל, פוּן דִי אֵייעֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ אוּן נָאךְ הִינְדֶעלֶעךְ אוּן עֶס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה. "אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער", הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא'ס וַוייבּ זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט. ***פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה***



דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "געלט שמייכלט צו א מענטש אין די אינגע יארן, און צום סוף הרג'עט עס דעם מענטש"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין**

א. איין תורה
ב. מעשיות
ג. שמות בלעטל
ד. עובדות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: "חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן"

## געב א שמייכל

**פון וואו נעמען די בעקערייען לופט פאר די לאך פון די דאונאט?**

Gll L‹ GXQQ‹QX QQ‹G CÆLQ‴

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**ו. עִקַּר הַיְשׁוּעָה הַבָּאָה אֵינָהּ אֶלָּא עַל יְדֵי אֱמוּנָה, וּמִדַּת אֱמוּנָה הִיא לְפִי מַנְהִיגֵי הַדּוֹר.**

אַ יְשׁוּעָה קוּמְט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אוּן צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי מַנְהִיגִים פוּנֶעם דוֹר.



# קליין און פיין



בית פיגא בני ברק  די געצעלט
פון שרה אמנו און רבקה אמנו



משפחת פוקס




בית פיגא בני ברק  די צווילינג
וועגל פון יעקב און עשו



אליעזר און ישעי' פיש



יואליש אייזנער



אברמי פעלדמאן



אליעזר שלמה בוים



חי'לע כץ



יוטי און פייגי לעווי



סאבי ווייס



שרי און רבקי פריינד



רחל'ע יאקאבאוויטש



פייגי יאקאבאוויטש

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



מרדכי גליק



משפחת זוסמאן



גבריאל פינחס גליק



יואלי בירנבוים



אברהם שלמה און נחמן נטע ראטטענבערג



נחמן יאקאבאוויטש



יואליש סאמעט



עמרם ראטה בעל קורא